# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 1 (העפט 409)   זעקס און צוואנציקסטער יאר   יאנואר 1966 לאנדאן

א י נ ה א ל ט :

ווייטשעפל 1966, לכבוד היום פונם „אייראפעאישן סימפאזיום“
אין לאנדאן ........ ** 1
אין א צעבאמבט הויז (ליד) ........ יוסף לעפטוויטש 7
אמאל איז געווען א רעדאקטאר (הומארעסקע) ........ משה בעקערמאן 7
חיפה ביינאכט (ליד) ........ דוד בערמאן 9
ניצול געווארן (דערציילונג) ........ סאמערסעט מאהם 10
אין שפעטער שעה (א תפילה) ........ שמואל וווהייט 14
דאס בית החלוצים הויז אין טוועלא (פראזע), די יידיש־קדוש־קדושים, בנשיקה (לידער) ........ א. נ. שטענצל 14
די אנטדעקטע מגילות (צו דער אויסשטעלונג אין בריטישן־מוזאום) ........ י. ריכטיגער 38
רעדאקציע נאטיץ ........ ד.ר. 39
„ווערטער און ווערטן“ (רעצענזיע) ........ אברהם סילקעס 40
שלום עליכמס גואל (רעפעראט ביי דער לעבעדיקער צייטונג) ........ ש. גאלדשמיד 42
מארק שאגאל דער מאלער אויף יידיש (עסיי) ........ קאמיל י. האניק 45
יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

## יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

שבת, דעם 29'סטן יאנואר — י. ריכטיגער: די געפונענע מגילות.

שבת, דעם 5אַטן פעברואר — באריכט פונם „אייראפעאישן־סימפאזיום“.

שבת, דעם 12'טן חמשה־עשר־בשבט־פראגראם. עס וועלן זינגען יידיש־און העברעאישע־לידער מאיר באגדאנסקי און מאדאם נאדלער.

שבת, דעם 19'טן — ח. נ. בענקוויטש לייענען זיינס א דערציילונג. עס וועל רעציטירן מנשה ווייסגראז, נעט רובין, אייזיק גאלדבערג.

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

**פרייז 2 שילינג**

אבאָנאַמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר א יאַר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאַר

אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1 England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press*
129-131 *Cavell Street, London, E.1*

# אייראָפּעאישער סימפּאָזיום

א.ד.ט.

# יידיש אין יידישן לעבן

**ארגאניזירט דורך דעם קולטור־דעפּארטמענט פון**
**יידישן וועלט־קאנגרעס און זיינע**
**בריטישע און פראנצויזישע סעקציעס**

שבת און זונטיק
29־טן און 30־טן יאנואר, 1966
אלע סעסיעס וועלן אפּגעהאלטן ווערן
אין
21 דיען סטריט, 1.11

## דערעפנונג סעסיע

**שבת** דעם 29־טן יאנואר, 8 אין אוונט
פארזיצער: דר. אהרן שטיינבערג
באגריסונגען

דר. אהרן שטיינבערג: אריינפיר — יידיש אין יידישן לעבן
דר. ש. לעווענבערג: יידיש אין סאוויעט־רוסלאנד
מארק טורקאוו (בוענעס איירעס): די מערכה פון יידיש אין דרום־אמעריקע

## צווייטע סעסיע

**זונטיק**, דעם 30־טן יאנואר, 10 ביז 12.30 פ"מ
פארזיצער: ל. אייכענראנד (צירך)

י. זאנדבערג (בריסל): יידיש לעבן אין בעלגיע — אמאל און היינט
י. לעפטוויטש: חורבן־ליטעראטור
הרב טשאסקאלא (פּאריז): יידיש אין די ישיבות
דיסקוסיע

## דריטע סעסיע

**זונטיק**, דעם 30־טן יאנואר, 2.15 ביז 6.15 נ"מ
פארזיצער: י. פוגאטש (פּאריז)

דר. י. בערנפעלד (פּאריז): סטוטשקאוו׳ס יידישער ווערטערבוך
א. מ. קייזער: 60 יאר יידיש אין לאנדאן
א. וואגלער (פּאריז): לייוויק׳ס צענטראלע אידעע
דיסקוסיע

## שלוס סעסיע

**זונטיק**, דעם 30־טן יאנואר, 7.45 אין אוונט
פארזיצער: יוסף פרענקעל

דר. ר. עדעלמאן (קאפּענהאגן): באטראכטונגען צום היינטיקן יידישן לעבן
ש. גאלדשמידט: יידיש — ווי עס רעדט זיך און ווי עס שרייבט זיך
דר. שלמה בירנבוים: ווי אלט איז יידיש?
דיסקוסיע און מסקנות



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 1 (העפט 409) זעקס און צוואנציקסטער יאר יאנואר 1966 לאנדאן



## ווייטשעפּל 1966

### א

אויף וויפל ס׳שטיקל ערד דא נישט געענדערט ווערט,
ווי הויך שטאקיקע בנינים זיך נישט אויפהייבן,
ווי דעמלט מיט די קוימענדיקע הייזעלעך,
דאס זעלבע געהיימישטע שטיקל ערד ס׳וועט בלייבן.

און געבענטשט און אייביק אין אונזער זכרון,
ווייל זיך ראטעווענדיקע האבן עס באטראטן;
אנטלאפן פון שייטערהויפנס. קרעמאטאריעס,
נאכגעיאגטע פון טויט ווי פון אייגענעם שאטן.

ס׳האט די ערד דא די שרעק פון זייערע פוס־טריט,
ציטערדיק מאמעדיק טיף אין זיך איינגעזויגן;
ווי אייגענע קינדער זיי געטוליעט צום הארץ
און אויסגעלעקט די טרערן פון זייערע אויגן.

אויף וויפל ס׳שטיקל ערד דא נישט געענדערט ווערט,
און ווי ווייניק פון אונז דא עס זאלן נישט בלייבן,
של־מעלהדיק מיט אלע שטעטלעך הייליקע
ירושלימדיק מיר וועלן׳ס הויך דערהייבן.

### ב

מיט א נאדל אין לאץ א שניידער געקומען,
קישינעווער פאגראם, מיט ווייב און קינד אנטלאפן;
אין נעפּלדיק געסל, פארטשאדעט הייזל
געשטאנען שוין פאר אים א היימישע טיר אפן.

און פון וואו נישט אלץ, מיט ליידיקע קעשענעס,
אפּגעדעכעט, ס׳הארץ דערכאפּט, אין וועג זיך געלאזן,
א שפּרונג־ברעט — ניו־יארק, אפריקע, אויסטראליע!
די איבערגעבליבענע גאט אויך נישט פארלאזן.

און מארקס־און־ספּענסער און בוירטן ווער זיינען זיי
און וואלפסאן מיט די געוואלטיקע ווארענהייזער?
א ישיבהניק פון טעלז, א טישלער פון בעלז,
א שוסטער־יונג געוואלט אראפּזעצן דעם קייזער.

דא אהרן ליבערמאן זיין „וואר״ געראטעוועט,
ביז אהער איז הערצל מיט זיין חלום געלאפן;
באראכאוו, וויצמאן, סאקאלאוו, אחד־העם,
זשאבאטינסקי — אין איין ציל־פונקט דא זיך געטראפן.

ג

אין די קוימענדלעך־הייזעלעך, ענגע שטיבלעך,
אויסגעטראגן־געבוירן, געוואשן־געצוואגן;
נאך איידער אין שולע הונגעריק געגאנגען,
יתומים אין גאס צייטונגען אויסגעטראגן.

איז איינער רעדאקטאר איצט פון דער צייטונג,
אן „עם־פי״, א בארימטער פראפעסאר דער צווייטער —
נישט פון איין קוימענדל ביז הימל ארויף,
דערקלעטערט אזוי אויף דער יעקב־חלום־לייטער.

וויפל קאהענס און לעווים, וויפל איזראעלס,
און וויפל האבן געענדערט זייערע נעמען?
און אסך, נעבעך, גאר ווייטער זיך פארקראכן:
אז זיי שטאמען פון די געסלעך דא — זיך צו שעמען.

אז פון די געסלעך גופא שוין באלד קיין זכר,
נישט נאר די לאמטערן — נישטא צומאל די ראגן,
און אין א לעצט שולעכל זוכט מען א צענטן,
אקדושה־ברכו, א קדיש־יתום צו זאגן.

ד

קוימענדיקע הייזלעך, פארנעפלטע געסלעך,
מיט בלאנעס פארצויגענע בלינדע גאז־לאמטערן;
אויף טריט און טריט א בית־מדרשל, א שולעכל,
א קדושה און ברכו, א יידיש ווארט צו הערן.

ביי יעדן פענסטערל זינגט א זינגער־מאשין,
באגלייט פון גליאיק פרעסאייזן צישנדיק רוישן;
די יידישע הארעפאשניקעס געלעבט דא,
ווי די בני־ישראל אמאל אין לאנד פון גושן.

צוגעשניטן און אויפגעניית און אויסגעפרעסט,
מיט א נאדל־פאדים אויפגעשטעלט פיראמידן!
אצינד מיט די טויזנט און איין נעאנען־לעמפ,
גיי און געפין א שניידער בן שניידער א יידן.

און ווען נישט די פליטים און ווען נישט די יורדים,
מיט ווייטשעפלער שבת־קודש מארק וואס וואלט ווערן?
ביי די „בערעס״ שטייען שוין כלערליי שווארצע,
מיט ארץ־ישראל ניסלעך און מיט באניעקערן.



ה

די טאטעס טויט, די קינדער נישט ביי דער נאדל —
ביי די ביכער זיך ארויסגענומען די אויגן!
נאך סטאמפארד־היל, גאלדערס־גרין, קריקלוואוד,
ביד רמה לעצט ביסל באלד אריבערגעצויגן.

„עתידה ארץ־ישראל להתפשט״ —
ארץ־ישראל איבער גאנצער ערד זיך אויסצושפרייטן —
פרעגט וויפל יידן פון עדזשוועיר און פון פארק־ליין,
וואלטן זיך מיט תל־אביב געוואלט איבערבייטן —

און וועלכער „עם־פי״ פון לאנדאנער פארלאמענט,
און פונם לארדן־הויז וויפל יידישע לארדן,
און וויפל „בענקערס״ און וויפל „סייענטיסטן״,
צומאל פרעזידענט אין „באקס״, צי סינאגאג־„ווארדן״.

פייערן א בר־מצווה אין הילטאן־האטעל,
עס זאל זיך נישטווארפן צופיל דא אין די אויגן,
נעמט מען די גאנצע געמישטע מישפאכטעס,
און מיט אן „אל־על״ קיין ירושלים אפגעפלויגן.

ו

נישט נאר פון אפריקע, אסטראליע און קאנאדע,
צי גאר די „יענקיס״ פון די פאראייניקטע שטאטן, —
טוריסטן, געבוירענע אין ווייטשעפל דא,
אהערקומענדיק מיט די פאט־אפאראטן, —

אז איך גיי איצט אין די געסלעך ווו כ׳פלעג וואוינען,
קיין איינס נישט מער שוין אז כ׳זאל קענען נאך דערקענען;
דאס לעצטע אויפגעפרעסן פון א „בולדאג״־פיסק,
וואס געבליבן פון די נאציבליצן און ברענען —

אפצולאכן פון אונז, צו חוזקן פון אונז,
פייפ־באמבעס אויף יידישע געסלעך דא געשאטן;
איז מיר דאס שטיקל ערד דא הייליק געווארן,
ווי די טויזנט און איין שטעטל וואס אויסגעראטן —

יא, ס׳געשטופ פון דער פעטיקאט־ליין — דאס איז אלץ,
וואס אויפכאפן מיט זייערע אפאראטן,
און איך מיט אלע מיינע לידער, וואס שוין מער,
אז צומאל בלייבן פון זיי א צוויי דריי ציטאטן.

## לכבוד היום פונם „אייראפעאישן סימפאזיום״ אין לאנדאן

„דער אייראפעאישער סימפאזיום״, אנגעהאלטן אויף דער טעמע „יידיש אין יידישן לעבן״, ארגאניזירט דורך דעם קולטור־דעפארטאמענט פון יידישן וועלט־קאנגרעס און זיינע בריטישע און פראנצויזישע סעקציעס, ווערט דאס

יאר אפגעהאלטן ביי אונז אין לאנדאן און חשובע געסט, באריםטע פאעטן, באקאנטע שרייבער און געלערנטע, קומען אנצופארן פון א האלבן טוץ לענדער. זאגן מיר א ברוך הבא די דעלעגאטן און ס׳איז זיכער א גרויסער כבוד וואס די היי־יאריקע אסיפה קומט פאר אין אונזער שטאט און מיר ווינטשן זיי, די אלע עוסקים בצרכי ציבור, אז ס׳זאל זיין באמונה און זייער מי זאל נושא פירות זיין; נישט גלאט אן אסיפה פון יענע כעלעמער אסיפות אדער פון די חכמי־ליזשאנקע; אז איבער א יאר, אי״ה, זאל מען ווידער זוכה זיין צו טרעפן זיך מיט אייגענע און משמח זיין ביי אן אסיפה און ביי קאלטע באנקעטן מיט ווארעמע באגריסונגען. עד כאן די באגריסונג, און איצט א שטיקל „סטעיטמענט״:

מיר האבן נישט קיין צו גרויסע שייכות מיטן קולטור־דעפארטאמענט, זייט זיי באנוצן זיך מיט דייטשע שילומים־געלדער. מילא, יידן האבן א שטיקל היתר צו האנדלען מיט חזיר־האר — „א מצווה פון א חזיר א האר ארויסצורייסן!״ ס׳איז דאך א בפירושער פסוק. מיר האבן אבער בקבלה, אז „פון א חזירישן עק קאן מען קיין שטריימל נישט מאכן!״ . . .

און באמת, משטיינסגעזאגט, וואס האט „די לאנדאנער קולטור־סעקציע״ ביים יידישן וועלט־קאנגרעס דא אויפגעטון? נאך אן ארבעט פון איבער א צענדליק יארן: קיין ריכטיקע צייטונג האבן מיר דא נישט, קיין לייטישן זשורנאל נישט, קיין איין בוך צומאל אין די לעצטע יארן דא נישט ארויסגעגעבן; יא, „די לעבעדיקע צייטונג״ — די אותיו תהפורחות באויר! — און דאס ערשט מיט א שטילן מיט שטיף — דעם שרייבער און זשורנאליסטן פאריין.

נו, האבן מיר זיך דאך דערוואוסט, אז די היי־יאריקע סעסיע פון אייראפעאישן סימפאזיום קומט פאר אין לאנדאן. און עס וועט אריינברענגען א ביסל ווארעמע קולטור־שטימונג און התהוררות אין אונזער קאלטער שטאט . . . אין וועלכן זכות ווייס איך נישט! — מילא אין פאריז: יידישע שולן, סעמינארן, דריי טעגלעכע צייטונגען, ביכער־פארלאגן אא״וו. — טאקע נאר מן־השמים! און די טעמע איז א געוואלטיקע, „עומד ברומו של העולם״: „יידיש אין יידישן לעבן״. אפנים, אז דער פאליטישער שמיי־דריי איצט אין די „זייאניסטישע״ קרייזן מכוח יידיש איז דאך אן ערנסטער ענין, נישט גלאט מויל־מלאכה פון היום פה און מחר אזוי, און—רוף מיך קנאק־ניסל! אבער צוריקגעשמועסט:

„דער כושי קאן טאקע נישט ענדערן זיין הויט״, אבער די אסימילאציע איז א שלאנג אין זיבן הויטן; אט קריכט זי פון איינער אין דער צווייטער — אז מ׳קען זיך שוין גארנישט אויס!... אט וועט זי אויסגעבן מיליאנען פונטן אויף „היברו״ מיטן איינציקן צוועק יידיש צו צעשטערן!

איז לאמיר זיך בעסער אומקערן צו עפעס פריילעכס, צו דעם אומגעריכטן יום־טוב, וואס וועט דא געפראוועט ווערן מיט אזוי פיל ווארעמקייט און צוגרייטונגען, די טעג ביי אונז אין שטאט און האפנטלעך וועט עס זיין אן אתחלתא דגאולה פאר גרעסערער און פארצווייגטערער ארבעט.

האב איך מיך לכבוד היום דערמאנט א פריילעך מעשהלע, וואס איז ארומגעגאנגען אין דער גרענאדיר־שטראסע אין בערלין: א רב איז אמאל געקומען מיט א מיחוש צו א פראפעסאר אין בערלין. פרייטאג פרעגט ער אין דער אכסניא אויף א מקווה. זאגט מען אים: „רבי, אין בערלין ווילט איר האבן א מקווה?״ לשנים קומט ער ווידער מיטן זעלבן מיחוש, זאגט אים דער בעל־אכסניא: „רבי, מיר האבן, ב״ה, שוין היינט א מקווה״. דערפריידט זיך דער רב: „איי, יידן, זעט נאר, בערלין וואקסט א שטאט!״

נו, וועלן מיר אויסלאזן בכי טוב: אז מיר האבן שוין יא זוכה געווען צום „אייראפעאישן סימפאזיום״ אין אונזער שטאט, וועט מסתם שוין ק״ק לאנדאן, אי״ה, וואקסן און ווערן א שטאט מיט כל טיב, מיט בכל מכל כל, האלב־וועגס כאטש קולטורעל און יידישלעך, א שטאט מיט שטעט גלייך — אמן, כן יהי רצון.



## יוסף לעפטוויטש

### אין א צעבאמבט הויז

זענט עך דא, טאטע־מאמע,
זענט עך דא אין דעם איינפאלנדן הויז?
אין דעם הויז ווו עך זענט געשטארבן,
ווו אייער לעצטער אטעם איז ארויס —

אין אט די פוסטע צעקלאפטע מויערן,
ווו ס׳צערפאלט אלץ אונטער מיינע הענט,
איז מיין זכרון פענסטער ווי די צעבראכנע שויבן,
ווי דער דיל וואס די באמבע האט צעברענט.

ווען מ׳וועט די חורבה אראפרייסן,
און ס׳וועט קיין זכר בלייבן פון דעם הויז,
וועל איך נאך הערן אייער שטים וואס האט דא געקלונגן,
ווו אייער גאנג איז געווען שטארק און גרויס.

## משה בעקערמאן

### אמאל איז געווען א רעדאקטאר

אמאל איז געווען א רעדאקטאר — איז ער געשטארבן. מילא, געשטארבן, באגראבן. ווער דארף האבן א טויטן רעדאקטאר? ס׳זענען דא לעבעדיקע רעדאקטארן וואס מען קען זיך באגען אן זיי. אבער א יידישער רעדאקטאר האט נאך נישט דערלעבט די זכיה באלזאמירט צו ווערן.

די רעדאקציע האט זיך נישט געקומערט אזוי פיל וועגן זיין טויט ווי וועגן א נייעם רעדאקטאר.

באלד נאך שבעה, ווען די צייטונג האט ווידער אנגעהויבן דערשיינען, איז אין א דיקער שווארצער ראם אויסגערעכנט געווארן אלע אויסגעטראכטע מעלות פונעם נפטר און, זייט ביי זייט מיט דעם נעקראלאג, איז אפגעדרוקט

„עס ווערט פארלאנגט א רעדאקטאר! זיין ביז איצטיקע באשעפטיקונג איז נישט וויכטיק. ער מוז אבער האבן פאלגענדיקע מעלות: 1) ער מוז זיין געוווינט צו צוהונגערן אביסל. 2) אויסצושטעלן אלע משוגעת׳ן פון זיינע לייענער וואס קומען און דרעען אים א קאפ און, די זיידל בריוו וואס ער דערהאלט למאי 20 יאר נאכן 2טן וועלט קריג, האלט מען נאך אין איין וארפן באמבעס און גאזן אויף דער וועלט. 3) ער מוז אנעמען פאר ליב וואס זיין רעדאקציע־פערזאנאל חנפענען אים אין די אויגן און ווינטשן אים, אונטער די אויגן, דערטרונקען צו ווערן אין א לעפל וואסער. 4) ער דארף נישט פארמאגן קיין קאפיטאל, ווייל ס׳וועט אים סיי ווי סיי צעקראכן ווערן, וויפיל ער זאל נישט פארמאגן. דער לעצטער רעדאקטאר — אויף אגוט ארט זאל ער רוהען — איז געווען א פארמעגלעכער און פרעלעכער מענטשל. האט זיך אים געגליסט רק צו ווערן א רעדאקטאר נו, האט ער צעטרענצלט זיין געלד און לסוף האט ער נאך געדארפט צוהונגערן צוביסלאך. ער האט זיך שוין שיער, שיער, צוגע־

וווינט צו לעבן אן תעניתים, נעמט ער. דער נארישער מענטש אין מיטן דרינען און, שטארבט אוועק סאיז אייגענטלעך ניט געווען זיין שולד. ער האט פשוט נישט געוווסט אז די ארויסגעבער פון דער צייטונג האלטן זיך ביים כלל, אז א רעדאקטאר דארף מען נישט צעלן קיין שכירות. ס׳הייסט דארפן, דארף מען יא. נאר ווו זאל מען נעמען? און אזוי ווי א רעדאקטאר באלאנגט נישט צו קיין סינדיקאט, איז ער געווען אלע וואך דאס כפרה־הינדל. דערפאר מאכן מיר איצט א ספעציעלע הנחה פאר דעם נעקסטן רעדאקטאר: ער קען זיך אפזוכן א זייטיקע באשעפטיקונג ווי למשל, אכטונג געבן אויף קינדער ווען עלטערן ווילן גען אין טעאטער; וואשן געפעס אין א רעסטאראן און ענלעכע באשעפטיקונגען וואס פאסט זיך פאר א רעדאקטאר פון אונזער צייטונג. 5) ער דארף נישט זיין קיין גרויסער חכם ווייל חכמים האבן מיר גענוג אין רעדאקציע. 6) ער דארף נישט זיין קיין בקי אין די קליינע אותיעלעך אדער קענען שרייבן ארטיקלען, ווייל דער פארשטארקענער רעדאקטאר, אויף א גוט ארט זאל ער רוהען — האט איבערגעלאזט א פיין שערל אויפן שרייב טיש אין דער רעדאקציע וואס געט איבער בירושה פון איין רעדאקטאר צו אצווייטן און רעדאקטארן האלטן זיך נישט לאנג ביי אונז. 7) ער דארף נישט פארמאגן אגאנצע גארדערבעקע פון אנצוגן, ווייל אן אויסגעסטרויעטער רעדאקטאר ווארפט אן א מרה־שחורה אין רעדאקציע. פארקערט, אן אפגעבליאקירטער צעקנייטשטער אנצוג, פארשטויבטע שיך, א צעשוויקערטער קאפ האר און א בארד וואס איז נישט אהין און נישט אהער, קוקט אויס צעשויבערטער מלא חן ביי אונזערע מיט ארבייטער”.

נאך דער דאזיקער לאנגער אנאנס, וואס איז דערשינען יעדן טאג, איז אריבער עטלעכע וואכן און קיין משוגענער הונט האט נישט אריין געשמעקט אין רעדאקציע. דער בעל הבית פון דער צייטונג איז שיער נישט משוגע געווארן פון עגמת נפש! ער איז שוין גרייט געווען צו מאכן נאך עטלעכע הנחות ווען פלוצלינג פראלט זיך אויף די טיר פון רעדאקציע און אפארסאפעטער ייד גיט זיך, אן א גוט מארגן, א זעץ א ריין אין רעדאקטארס שטול וואס איז נוצלעך פאר איינעם מוט א שטייפן קארג.

דער בעל הבית האט געמיינט אז הל׳ נביא האט זיך, צוליב אים, פארשטעלט אלס זיין אידעאלן רעדאקטאר. ווי דאס הארץ וואלט אים געזאגט. אז דער ייד איז געקומען נישט אנדערש ווי אנצונעמען דעם פאסטן און, נישט מאכענדיק קיין לאנגע שהיות, גוט ער אים אפרעג:

שרייבן קענט איר?

דער ייד: נאך די צרה פעלט מיר, זאגט דער ייד.

און געלד האט איר?

דער ייד: וואס זענט איר משוגע, ווו קומט צומיר געלד?

פון וואס לעבט איר?

דער ייד: וואס נאך ווילט איר וויסן? אפשר ווילט איר וויסן פון וואנען איך קום?

הייסט דאס, אז איר זענט גרייט צו ווערן רעדאקטאר?



דער ייד: איך מיין אז איר זענט טאקע משוגע. ווער האט אייך געזאגט אז איך וויל זיין א רעדאקטאר? גאט איז מיט אייך!

אין קארידאר האט זיך דערהערט גיכע, שווערע טריט.

דער ייד איז אויפגעשפרינגען ווי פון הייסעקוילן און, נישט זאגענדיק א ווארט אנגעכאפט דעם בעל הבית ביי דער האנד, ווי אויף צו געזעגענען זיך און . . . ווען די וועכטער פון דעם נאנטן משוגעים. הויז וואלטן נישט אריין געלאפן אין רעדאקציע פונקט אין דעם מאמענט, וואלט דער ארויסגעבער פון דער צייטונג געבליבן מיט עטלעכע פינגער ווייניקער . . .

### דוד בערמאן

## חיפה ביינאכט

אה, פון נהריה ביז יפה — — — —
ישראלס שענסטע שטאט איז חיפה —
איך געדענק עס ווי אין א חלום —
א זיסער זומער־נאכט חלום.

די זילבערנע לבנה איבער חיפה
אזוי ראמאנטיש געשיינט אויף חיפה.

—און ווי געשפרינקלטע בריליאנטן
שיינען די שטערן און פינקלען
איבער הר־הכרמל אין דעם ים —
יא, איבער הר־הכרמל און דעם ים!

וואונדערבאר — אה! — וואונדערבאר
איז ביינאכט אין חיפה — — — —

אה, פון נהריה ביז יפה — — — —
קיין גלייכנס ס׳איז צו חיפה —
ס׳איז אזוי שיין ווי א חלום —
א זומער־נאכט חלום.

די ליכטער ביינאכט אין חיפה
אזוי פארביק געשיינט אין חיפה.
ווי א וואסערפאל פון בריליאנטן —
שיינען די ליכטער ווי דיאמאנטן —

פון הר־הרכמל ביז דעם ים —
יא, פון הר־הכרמל ביז דעם ים!
וואונדערבאר — אה! — וואונדערבאר
איז ביינאכט אין חיפה — — — —

**ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון“**

סאמערסעט מאהם •

## ניצול געווארן

איך בין תמיד געווען איבערצייגט, אז אויב א פרוי מאכט אפ ביי זיך חתונה צו האבן מיט א געוויסן מאן, וועט אים שוין גארנישט העלפן אחוץ פלוצלינג נעלם צו ווערן.

אפילו דאס נישט אלעמאל; ווארום א פריינט מיינער אגוסטן, זעענדיק דאס אומפארמיידלעכע דערשיינען סכנותדיק פאר זיינע אויגן, האט זיך אויפגעזעצט אויף א שיף ביי עפעס א פארט (מיט א ציין־בערשטעלע פאר זיין גאנצן באגאזש, אזוי באוואוסטזיניק איז ער זיך געווען פון דער סכנה און דער נייטווענדיקייט אנצונעמען גיכע מאסמיטלען) און פארברענגט א גאנץ יאר אין ארומרייזן איבער דער וועלט; אבער ווען שוין מיינענדיק, אז די סכנה איז פארביי (פרויען זענען לייכטזיניק, האט ער זיך געטראכט, און אין משך פון צוועלף חדשים וועט זי מיך האבן אינגאנצן פארגעסן) און ער איז אויסגעשטיגן ביים זעלביקן פארט, איז די ערשטע פערזאן, וואס האט צו אים געוואונקען פריינטלעך מיט דער האנט פון דער יבשה דווקא געווען אט דאס דאמעלע, פון וועמען ר׳איז אנטלאפן.

בלויז איינמאל האב איך געקענט איינעם, וואס עס איז אים יא געלונגען זיך ארויסצודרייען פון אזעלכע אומשטענדן. ער האט געהייסן ראדזשער טשערינג. אליין איז ער אייגנטלעך שוין נישט געווען יונג ווען ער האט זיך פארליבט אין רות בארלאו און געהאט גענוג דערפארונג צו זיין פארזיכטיק; רות אבער איז געווען באגאבט (אדער איז עס געווען א חוש אזא?) צו אנטוואפענען ס׳רוב מענער, און אט דאס האט ראדזשערן בארויבט זיין שכל הישר, זיין פארזיכטיקייט און וועלט־זין.

ער איז געפאלן ווי א קרבן. אט דאס איז געווען דער חוש פאר פאטאס. פרוי בארלאו, ווארום זי איז שוין געווען צוויימאל אן אלמנה, האט געהאט אפאר וואונדערלעך־טונקעלע אויגן און אזוי ווי זיי האבן אייך גערירט האב איך נאך קיין אנדערע נישט געזען; ס׳האט זיך׳ן אייך תמיד געדאכט, אז אט אט פילן זיי זיך אן מיט טרערן; אז די וועלט איז א צו גרויסע לאסט פאר איר און איר האט באקומען דאס געפיל, אז זי, נעבעך, מוז אויסהאלטן אסך מער ווי זי ברויך.

וואלט איר געווען הויך און שטארק, מיט אסך געלט, ווי ראדזשער טשערינג, וואלט עס געווען כמעט אומפארמיידלעך, אז איר זאלט ביי זיך טראכטן: איך מוז מיך שטעלן צווישן די סכנות פון לעבן און אט דעם הילפלאזן נפשל, א, ווי וואונדערלעך וואלט עס געווען ארויסצונעמען אט דעם טרויער פון די דאזיקע גרויסע און ליבלעכע אויגן!

פון ראדזשערן האב איך דערפארן, אז יעדער איינער האט זער שלעכט באהאנדלט פרוי בארלאו. זי איז באשיינפערלעך געווען איינע פון יענע אומגליקלעכע מענטשן, וואס האבן בשום אופן נישט קיין מזל. האט זי חתונה

---

• לעצטנס געשטארבן אלט זייענדיק 92 יאר.



געהאט, האט דער מאן זי געשלאגן; האט זי געהאט צו טון מיט א מעקלער, האט ער זי באשווינדלט; האט זי צוגענומען א קעכין, איז זי געווען א שכורטע. אפילו אויב זי האט געהאט א שעפעלע, האט עס געמוזט שטארבן.

ווען ראדזשער האט מיר דערציילט, אז ער האט סוף־כל־סוף זי איבערגערעדט מיט אים חתונה צו האבן, האב איך אים געוואונטשן גליק.

— כ׳פארהאף, אז איר ביידע וועט ווערן גוטע פריינט — האט ער געזאגט. — זי האט אביסל מורא פאר דיר, זאגט זי. ביסט אביסל הארט, מיינט זי.

— אויף מיין ווארט, איך הייב נישט אן וויסן פארוואס זי זאל האבן אזא מיינונג איבער מיר.

— הייסט עס, אז דו האסט זי גערן, נישט אמת?

— זער.

— זי האט, נעבעך, געהאט שלעכטע צייטן. כ׳האב אזא מיטליד מיט איר.

— אודאי. — האב איך געזאגט.

ווייניקער האב איך נישט געקענט זאגן. כ׳האב געוואוסט, אז זי איז נאריש און מיר געטראכט אן אינטריגאנטקע אויך. כמעט ווי זיכער בין איך געווען, אז זי איז הארט ווי טשוועקעס.

דאס ערשטע מאל מיר האבן זיך געטראפן האבן מיר געשפילט ברידזש און ווען זי איז געווארן מיין פארטנערקע האט זי מיר צוויימאל געטרומפט מיין בעסטע קארט.

ווי א מלאך האב איך מיך באנומען, נאר כ׳בין מיך מודה, אז אויב טרערן וואלטן גענומען פליסן פון עמיצנס אויגן, וואלטן עס געדארפט זיין פון מיינע און נישט פון אירע.

און ווען ביים סוף פונם אוונט, נאך איר פארשפילן צו מיר א היפשע סומע געלט, זי האט מיר צוגעזאגט צו שיקן א טשעק און האט עס לגמרי נישט געטון, האב איך מיר נישט געקענט העלפן צו טראכטן, אז אייגנטלעך איך און נישט זי וואלט געדארפט ארויסווייזן א פאטעטישן אויסדרוק ביי אונזער נעקסטער באגעגענונג.

ראדזשער האט זי פארגעשטעלט פאר פריינט. האט איר געגעבן טייערע צירונג. זי גענומען וואו נאר די וועלט האט אן עק. זייער חתונה האט געדארפט פארקומען גאר אין גיכן.

ראדזשער האט זיך געפילט זער גליקלעך. ער גייט דא אפטון א גוטע טאט און אין דער זעלביקער צייט עפעס, וואס ר׳האט זער גערן געוואלט טון. עס איז אן אומגעוועגלעכע סיטואציע און זיך גארנישט צו וואונדערן אויב ער איז געווען מיט זיך אביסל מער צופרידן ווי ס׳האט זיך געפאסט.

און אט פלוצלינג אויס ליבע.

איך ווייס נישט פארוואס. עס קען נישט זיין, אז ר׳איז מיד געווארן צו הערן אירע רייד, מחמת זי פלעגט בכלל ווייניק וואס רעדן. אפשר האט איר פאטעטישער בליק אויפגעהערט צו בארירן אים די סטרונעס פון הארץ. די אויגן האבן זיך אים אויפגעעפנט און ער איז ווידער געווארן דער שארפ־

זיכטיקער מענטש ווי אמאל.

עס איז אים קלאר געווארן, אז רות בארלאו האט ביי זיך אפגעמאכט אים צו נעמען און ער האט א נדר געטון, אז ער וועט בשום אופן מיט רות בארלאו נישט חתונה האבן.

ער האט זיך אבער געפונען אין א פארלעגנהייט. איצט, אז ר׳איז געווען אינגאנצן ביים קלארן זינען, האט ער ערשט איינגעזעען וואס פאר א סארט פרוי דאס איז און מיט וועמען ער האט דא צו טון און האט זיך אויך געמערקט, אז אויב ער וועט זי בעטן אים אפצולאזן, וועט זי (אויף איר פאטעטישן אופן) פעסטועצן אירע געוואונדיקטע געפילן אויף אן אוממעסיקער סומע געלט. חוץ מזה, איז עס דאך תמיד אומאנגענעם פאר א מאן צו לאזן שטיין א פרוי. מ׳איז אים תמיד גרייט חושד צו זיין אין שלעכטער באנעמונג.

ראזשער האט נישט מגלה געווען זיינע מחשבות. נישט מיט קיין ווארט און נישט מיט קיין מעשים האט ער געלאזט פאלן א רמז, אז זיינע געפילן בנוגע רות בארלאו האבן זיך געביטן. ער איז ווייטער געווען אויפמערקזאם אויף אלע אירע וואונטשן; ר׳האט זי גענומען אין רעסטאראנען אריין אויף מאלצייטן, געגאנגען מיט איר אין טעאטער אריין, איר געשיקט בלומען; געווען סימפאטיש און רייצנד.

זיי האבן געהאט באשלאסן, אז זיי וועלן חתונה האבן אזוי גיך ווי זיי געפינען א פאסיק הויז, מחמת ער האט געוואוינט אויף א בחורישער וואוינונג און זי אין מעבלירטע צימערן; און זיי האבן אנגעהויבן זיך ארומקוקן אויף א געוואונטשענער וואוינונג.

פון אגענטורן האט ראדזשער באקומען מיטטיילונגען צו גיין זעען הייזער און אומעטום האט ער רותן מיטגענומען. עס איז אנגעקומען זער שווער צו געפינען עפעס רעכטס.

ראדזשער האט זיך געוואנדן צו נאך אגענטן. זיי זענען געגאנגען זעען איין הויז נאכן אנדערן. האבן בודק געווען די הייזער דורך און דורך פון קעלער אונטן ביזן בוידעם אונטערן דאך.

טיילמאל זענען עס געווען צו גרויסע הייזער און טיילמאל צו קליינע; טיילמאל זענען זיי געווען צו ווייט פון צענטער און טיילמאל צו נאנט; טיילמאל זענען זיי געווען צו טייער און טיילמאל האבן זיי געפאדערט צופיל רעפאראטורן; טיילמאל זענען זיי געווען צו דעמפיק און טיילמאל צו לופטיק; טיילמאל צו טונקל און טיילמאל צו קאלט.

ראדזשער האט אלעמאל געפונען עפעס א חיסרון, צוליב וועלכן דאס הויז האט נישט געטויגט. געוויס איז עס געווען שווער אים צופרידנצושטעלן; האט ער דאך פשוט נישט געקאנט צולאזן דעם געדאנק צו פארלאנגען, אז זיין טייערע רות זאל וואוינען אין א נישט־פערפעקט הויז, און דאס פערפעקטע הויז איז אנגעקומען שווער צו געפינען.

זוכן א הויז נעמט ביי אייך צו די כוחות און ס׳איז אן אפקומעניש און באלד האט רות טאקע אנגעהויבן ארויסצואווייזן פארדראס.

ראדזשער האט זיך ביי איר געבעטן צו האבן געדולד; עס מוז זיך דאך



ערגעץ־וואו געפינען אט דאס סאמע הויז, וואס זיי זוכן און בלויז מיט נאך אביסעלע געדולד מוז מען עס געפינען.

הונדערטער הייזער האבן זיי איבערגעקוקט; געקלעטערט אויף טויזנטער טרעפ; באזוכט קיכן אן א צאל. רות איז מיד געווארן און נישט איינמאל פארלוירן די געדולד.

— אויב כ׳וועל נישט באלד געפינען א הויז — האט זי געזאגט — וועל איך מיך מוזן מישב זיין. אויב דו וועסט אזוי אנגיין, וועט עס נאך געדויערן יארן איידער מיר וועלן חתונה האבן.

— רעד נישט אזוי — האט ער איר געענטפערט, — האב געדולד, איך בעט דיך. כ׳האב נאר וואס באקומען א גאנץ נייע ליסטע פון די אגענטן. מינדעסטנס זעכציק הייזער געפינען זיך אויף אט דער ליסטע.

ווידער האבן זיי זיך גענומען אויפן הייזער־געיעג. זיי האבן באקוקט נאך און נאך הייזער. צוויי יאר לאנג האבן זיי אזוי געקוקט אויף הייזער.

רות האט אנגעהויבן ווערן שוויגעוודיק און טראציק; אירע פאטעטישע, שיינע אויגן האבן אנגענומען כמעט א פינסטערן אויסדרוק. ס׳איז דא א גרענעץ צו מענטשלעכער סבלנות. פרוי בארלאו האט געהאט די סבלנות פון א מלאך, אבער צום סוף האט זי עס נישט מער אויסגעהאלטן.

— ווילסט מיט מיר חתונה האבן צי נישט? האט זי א פרעג געטון.

אן אומגעווענלעכע הארטקייט האט זיך געמערקט אין איר קול, עס האט אבער נישט אנגערירט די זאנפטקייט פון זיין ענטפער.

— זיכער וויל איך. מיר וועלן חתונה האבן אזוי גיך ווי מיר געפינען נאר א הויז. אגב, האב איך גראד געהערט וועגן אזעלכעס, וואס וועט אונז מסתמא פאסן.

— איך פיל מיך פונקט נישט מיט אלעמען ווייטער צו גיין זעען נאך הייזער.

— כ׳האב מיט דיר מיטלייד, מיין טייערע, זעסט טאקע ליידער אויס אזוי מיד.

רות בארלאו האט זיך גענומען צום בעט.

זי האט נישט געוואלט מער זעען ראדזשערן, און ער האט זיך געמוזט צופרידנשטעלן מיט אנקלאפן ביי איר טיר זיך נאכצופרעגן וואס זי מאכט און מיט שיקן איר בלומען. ער האט זי נישט אפגעלאזט און זיך באצויגן אידל.

יעדן טאג האט ער איר געשריבן, אז ר׳האט ווידער געהערט וועגן נאך א הויז, וואס זיי וואלטן געדארפט גיין זעען. א וואך איז אזוי פארביי און דאן האט ער באקומען דעם פאלגנדיקן בריוו:

ראדזשער —

איך גלויב נישט, אז דו האסט מיך באמת ליב. כ׳האב געפונען א צווייטן, וואס עס גייט אים ממש אין לעבן השגחה צו געבן אויף מיר און כ׳גיי טאקע היינט מיט אים חתונה האבן.

רות

מיט אן עקסטרא שליח האט ער איר געשיקט זיין ענטפער:

רות —

דיינע נייעס האבן מיך פשוט צעבראכן. כ׳וועל בשום אופן נישט קענען אריבערטראגן אט דעם קלאפּ, אבער דיין גליק איז מיין ערשטע זארג. בייגע־לייגט שיק איך דיר זיבן מעלדונגען צו גיין זען היזער; כ׳האב זיי היינט אין דער פרי באקומען פון דער פאסט און בין זיכער, אז צווישן די דאזיקע וועסטו געפינען א הויז, וואס וועט דיר פאסן גענוי.

ראדזשער

פון ענגליש איבערזעצט,

**א. אלמוג**

## שמואל ווהייט

### אין שפּעטע שעהן

אין שפּעטע שעהן באשעפער,
רופט מיין נשמה דיך:
פארלאז מיך ניט אין נויט,
ווען איך נויטיג מיך
אין דיין הילף,
לאז מיך ניט צאנקען
אין חושך —
אין חושך בלאנזשען:
דער וועג ווערט שווערער
און איך מער מידער.
אומהיל מיך מיט דיין העלען ליכט,
וואס זאל מיך קרעפטיגען
דערפרישן.

## א. נ. שטענצל

### דאס בית - החלוצים הויז אין טוועלא

2

איינער אליין אין קופּע, אין צוג, וואס איז געלאפן פון אמסטערדאם קיין דעווענטער, בין איך אלץ נאך נישט צו מיר געקומען צו קענען אנטציפערן דעם געדאנק, וואס איז מיר שטעקן געבליבן אין מוח: „כ׳מוז דאך א בריוו אהיימשרייבן". האלטנדיק שוין אין איין האנט דאס שטיקל בליישטיפט, און דער צווייטער דאס ליידיקע בייגעלע פּאפּיר, האב איך אלץ נאך נישט געוואוסט מכוח וואס דא גייט.

ס׳האט געמוזט שוין אדורך א שיינע פּאר מינוטן ווי די צוויי חברים האבן מיך אריינגעזעצט אין צוג אריין און דעם בילעט מיר אריינגעלייגט אין קעשענע, ווייל פאר די קופּעע־פענסטער לויפן שוין א לאנגע צייט געקאַ־סעטע סוף־זומער פעלדער, פּאשענדיקע קי אויף ווייטע לאנקעס, פויערים



און פויערטעס געבויגענע איבער קארטאפל־אקערס, גראבנדיק און פילנדיק די זעק. דאס כסדרדיקע איבערחזרן פון דעם דרויסן, דער שטילער פאר ראש־השנה הימל האבן אפּנים זייערס געטון און אויף זייער שטומען אופן געטרייסט און בארואיקט און אויב נישט גאנץ פארקניפּט מיין געדאנק, אבער ווי די סוף־זומער פעדים, די פליענדיקע און הענגענדיקע „באבע־יאכנעס" אויף די פאר־ביילויפנדיקע טעלעפאן־דראטן: די מאמע איז מסתם אינגאנצן פונם זינען . . . זי קאן עס דאך גארנישט פאסן . . . זי גייט ארויף און אראפּ אין שטוב און ברעכט זיך די פינגער. און אט זע איך זי גאר זיצןביים פענסטער צום סקלאד ארויס און זי בייסט זיך די ליפּן אין איר מרה־שחורה.

מרים ביילע אן אלמנה מיט זיבן יתומים, איינס קלענער פון אנדערן! גיט עס ווידער א קלאפּ איבערן קאפּ און די געדאנקען צעפּליען זיך, אבער די פינגער ציען דאך שוין דאס שטיקל בליי איבערן בייגעלע פּאפּיר: „טאטע, דער שטאלץ פון דיין קאפּ, שלמה, איז טויט און איך לעב" . . . אפּנים דאס איז עס געווען וואס האט געדריקט אויף מיין מוח. נישט דעם טאטנס צער, נישט דער מאמעס, נישט מרים ביילעס. דאס אלץ איז נעבן זאכן, נאכווייען, קיין עיקר — שלמהס טויט! שלמה איז טויט!! דערשפּירט דאס ערשטע מאל די נאענטקייט פון טויט — מיין איינציקער ברודער! ער איז טויט, ער איז מער נישטא.

כ׳האב געשפּירט ווי כ׳האלט אים אין מיינע ארעמס, דעם טויט . . . טרערן גיסן זיך מיר פון די אויגן, איך העשע ווי א קינד. איך האב מיך בארואיקט און קוק מיך ארום צי ס׳איז קיינער נישטא אין קופּעע. אין דער שפּיגלדיקער רעקלאמע זע איך מיין פארטרערט פּנים אונטער דעם שויבער־האר, וואס קוקט ארויס פון אונטערן דאשעק. איך וויש עס ארום און שפּיר ווי שטייפקייט פון מיין שטערן, פון מיינע באקן פעלדלען זיך א גרימאסע: דער טאטע דארף מיך יעצט אנקוקן מיט מיין געגאלטער מארדע, מיט מיין גאנצן הילוך — „אן עשיו מבטן ומלידה".

ביז צום אנקומען פון צוג קיין דעווענטער, איז דער בריוו, ווי נישט איז, אויף א נארמאלן אופן פערטיק געווארן: מיט טרייסט־ווערטער פאר דער מאמען, מיט הארציקע גרוסן פאר אלע, מיט ראש־השנה וואונטשן מיטן טרא־דיציאנעלן „תכלה שנה וקללותיה ותחל שנה וברכותיה"; דער עיקר זיי, אין דער היים, זאלן נישט ארויספילן מיין צעבראכנקייט און נאך זיין באזארגט איבער מיר . . .

דער צוג האט זיך אפּגעשטעלט, בין איך ארויס אויפן פעראן מיטן בריוו אין האנט, קודם דעם בריוו אריינצווארפן אין פאסט־קעסטל, עס איז נאך בכדי שיעשה, אז דער בריוו זאל אנקומען אין ראש־השנה, אויב נישט דעם ערשטן טאג, איז אין צווייטן טאג: נאך א נס, וואס ס׳האט זיך אזוי מסתיא מיל־תא געווען, וואס כ׳האב דעם בריוו אפּגענומען נעכטן אין האטעל — האב איך געטראכט מיט א צופרידנקייט, צומאל, אויב מ׳קאן זיך אזוי אויסדריקן, מיט א מין פרייד: ווי וואלט אין דער היים דער יום־טוב אויסגעזען; איין זון באג־ראבן און דער צווייטער, ווי אין וואסער אריינגעפאלן; אפילו קיין וואונטש נישט געשיקט צו ראש־השנה — עס וואלט דאך געווען א פארשטערטער

יום־טוב. זיי וואלטן דאך געזעסן ביים יום־טובדיקן טיש ווי אבלים, געשעמט זיך די קעפ אויפצוהייבן איינער פארן צווייטן.

מיך אפגעווארט אויפן פעראן אין דעוועגטער האט עמיל פיסער, דער טאטע, אזוי צו זאגן, פונם „בית־החלוצים הויז" אין טוועלא, א האלענדישער ייד, א פעסטער, א געזעצטער, מיט א ברייט־לאכנדיק פנים, וואס די גאלד־געראמלטע ברילן, מיט די קלאר־אויסגעווישטע גלעזלעך, האבן אים צוגעגעבן אן אינטעליגענטן אויסזען. א זון פון א פארמעגלעכן בהימה־סוחר, א טיפיש האלענדישער ייד פון א פראווינץ־שטעטל, א בעל־גוף, א פרומער עם־הארץ. געזעסן אין דער שול אין מזרח־וואנט, ווייל זיך געלאזט אסך קאסטן אויף איר... אז דער זון זאל זיין מער לייט פון אים, ער זאל נישט דרעפטשען אין סידור ווי אן אקס אין דער בלאטע, האט ער עמילן יארנלאנג געהאלטן אין „עץ־חיים" אין אמסטערדאם; געלאזט ענדיקן א גימנאזיום. עמיל האט געהאט דאס קעפל און דעם חשק ווייטער צו לערנען, אדער אין „עץ־החיים" צו ווערן א רב, אדער אין אוניווערזיטעט — א גייסטיקע פראפעסיע. אבער דער פאטער דער בעל־גוף, וואס זיין ווארט אין געווען א ווארט, סאי ביי די פויערים אין די שטאלן, ביים קויפן א קאלב, א יונג עקסל, סאי ביי זיך אין שטוב — האט געזאגט: „עד כאן! מיין זון וועט נישט קוקן אנדערע אין די הענט אריין ווי א דאקטאר — א פאציענט, ווי א רב — זיין בעל־הבית... מיין זון וועלן אנדערע קוקן אין דער האנט אריין און ער וועט טיילן מיט פולע הויפנס — ס'איז דא פון וואס!" און אים אנגעהויבן מיטנעמען אין די דערפער אריין ביים איינקויפן און אויף די בהימה־מערק ביים פארקויפן.

נאכן פאטערס טויט האט עמיל איבערגענומען דעם פאטערס בריטשקעלע, מיטן פריילעך־לויפנדיקן פערדל און דעם גאנצן גליל מיט דערפער, און ביי די פויערים איז ער געווען זייער עמיל, דעם אלטן „מינער" פיסערס זון; מיטן אונטערשיד, וואס מיט זיין פאטער, נאכן אפשליסן א מסחר און מ'איז געזעסן אין שטוב ביים גלעזל, האט מען געשמועסט איבער דער הייליקער ביבל, איבערן הייליקן, צוגעזאגטן לאנד, איבערן לעצטן טאג פון משפט, וואס ס'וועט דעמלט געשען, האט דער זון זיי דערציילט וואס ס'טוט זיך יעצט אפ אויף דער וועלט: טראגעדיעס, ציטערן און מלכים און קעניגן ווערן אראפגעזעצט. אין רוסלאנד האט מען דעם צאר מיט זיין גאנצער משפחה אויסגעקוילעט און די פויערים אראפגעטריבן פון זייער ערד, און יידן, לויפנדיק פון פאגראמען, גייען אין זייער צוגעזאגטן לאנד אריין, טאקע אזוי ווארט־ווערטלעך, ווי ס'איז געשריבן אין דער הייליקער ביבל.

איבערנעמענדיק אויך דעם פאטערס שטאט אין מזרח־וואנט, איז ער געזעסן האנט אין האנט מיטן יונגן הערר קאן, דעם עלטסטן זון פונם פארשטארבענעם קאן, דעם גבאי פון שול, וואס האט זיך פון א פראסטן טישלער, א בעל־מלאכה, ארויפגעארבעט צו א רייך מעבל־געשעפט, צום אנגעזעעענסטן בעל־הבית פון דער אלטער, לעגענדארער שטאט דעוועגטער.

דער יונגערער ברודער פונם הערר קאן איז שוין ווייט פון יידישקייט. אן אנגעזעענער היימאט־פאעט, וואס זיין לעגענדע זאמלונג איבער דער שטאט



דעוועגטער האט אים געמאכט בארימט און באליבט — די בארימטקייט פון שטעטל! חתונה געהאט מיטן שענסטן און רייכסטן נישט־יידישן מיידל פון שטאט, וואס אפילו די דעוועגטערער נישט־יידישע בעלי־בתים זאגן אים נאך דעם זכות וואס ער האט געווארט מיט זיין חתונה — אין זייער אלטער, לעגענדארער קירכע — ביז נאך זיין פאטערס טויט.

און אט די צוויי דעוועגטערער יונגע בעלי־בתים, דער הערר קאן וואס האט איבערגענומען זיין פאטערס גבאישאפט פון דער דעוועגטער שול און עמיל פיסער, זיצנדיק אויף זיין טאטנס שטאט אין מזרח־וואנט, זיינען געווען די צוויי ציוניסטן פון דער שטאט דעוועגטער. און נאכן אריבערקומען פון קרן־קימת, אין די מלחמה־יארן, פון קעלן קיין האג, און ערשט נאך דער באלפור־דעקלאראציע, איז דער הערר קאן צוגעצויגן געווארן צו יעדער וויכטיקער „אקציאנס־בעראטונג", און זיצנדיק יעדן שבת אין דער מזרח־וואנט מיטן עמיל פיסער, האבן זיי טאקע שוין נישט געדרעפטשעט ווי זייערע טאטעס אין די סידורים, אבער אזוי פרום ווי זייערע טאטעס געדאוונט האבן זיי אויך נישט — האנט אין האנט אזוי זיצנדיק, האבן זיי איבערגעשמועסט די „יידישע נייעסן" פון דער וואך. און געווען זיינען עס דעמלט יידישע נייעסן שרעקלעכערע פון וואך צו וואך: פעטלורעס שחיטות אין אוקראינע, פאגראמען אין פוילן, יידישע פליטים פארפלייצן די יאדן־סטראאט געסלעך אין אמסטערדאם — זיי פארשלעפן אהער דא דעם אנטיסעמיטיזם, דעם באלשעוויזם! אבער דער עיקר, די יידישע הערצער רופן זיך אפ און מ'מוז אויך קלערן אן עצה פאר די יונגע, פעאיקע יידישע בחורים, מ'זאל זיי נישט „כאפן" אין די יידישע קאפעס, אין די יידישע רעסטאראנדלעך — וויאזוי אויף א „כשר וועג" זיי צו באהיטן פון די פאליציי־אבלאוועס... די הערצבערגס, די דעלעאנס, די גאלדענע יידישע יוגנד אין אמסטערדאם, אין ראטערדאם האבן זיך אריינגעווארפן אין דער ארבעט.

און אזוי איז געפלאנט, געשאפן און געגרינדעט געווארן ביי די „שבת־זיצונגען" ביי דער מזרח־וואנט פון דער שול אין דעוועגטער דאס „בית החלוצים הויז אין טוועלא". עמיל פיסער האט געפונען אין נאנטסטן דארף דאס הויז, הערר קאן האט עס אויסמעבלירט; ארבעט פאר די חלוצים האט עמיל געפונען ביי זיינע „ביבלישע" פויערים — עס איז אזוי אויסגעחשבונט געווארן, אז עס זאל זיך קאנען האלטן פון אייגענער ארבעט, און אז ס'האט געפעלט אן עודף, איז עס באשמועסט געווארן אויף דער שבתדיקער „זיצונג" און דער שאדן איז געטיילט געווארן צווישן די צוויי מזרח־וואנט בעלי־בתים.

דער פעסטער, געזעצטער, עלטערער בחור פון דער פראווינץ־שטאט, וואס די צוויי פארזעסענע שוועסטערן האבן אים געקארמעט מיט שווערע יידיש־האלענדישע עסעכטסער, האט ממש אויפגעלעבט זייט ער איז מיט אריינגעצויגן געווארן אין דער ארבעט, אבער נאך מער, ווען ער האט זיך באגעגנט מיט די לעבעדיק יונגע חברה „אסט־יודן". דאס ברייטע פנים, וואס וואלט געווארן נאך ברייטער און הארטער, — עס וואלט גאנץ פארגשמיזנט געווארן אין די דארף־שטאלן, אויף די בהימה־מערק אין די שענקן. — האט געגנ־

מען אינטעליגענטיש לאכנדיק־שמייכלען — ער האב זיי ליב באקומען אט די באגייסטערטע פויליש־גאליציאנער, אוקראאינישליטווישע בחורים. נישט נאר האט ער אנגעהויבן צו ריידן יידיש, נאר מיט יעדן איינעם גערעדט „זיין מאמע־לשון”, באשמאלצן מיט „עץ־חיים”־לשון־קודש, מיט יאדן־סטראאט כאטייסים־זשארגאן — די אויגן האבן אים ארויסגעלויכטן דורך די קלאר־געווישטע גלעזלעך פון זיינע גאלד־רעמלדיקע ברילן: אנקוקנדיק א ניי־אנקומענדיקן, האט ער באלד געוואוסט צו וועלכן פויער ער וועט טויגן.

דאס איז געווען, אזוי צוזאגן, דער אנהויב, פונם חלוצים־הויז אין טוועלא, ערגעץ אין א פארווארפן דארף נעבן אן אלט־פארווארפן שטעטל, א שעה צוויי מיטן צוג פון אמסטערדאם. — דאס איז שוין נישט געווען דאס אונטער־געסל האטעלעכל א בעט־פאר־צוויי, דאס איז שוין געווען א מין קבוץ־קאמונע, ווי ס׳שטעלן זיך אים פאר ציוניסטן־סאציאליסטן־אידעאליסטן און איינער פון די פאטראנען איז געווען עמיל — דער פראווינץ־אינטעליגענט, דער בעל־ביתטישער, עלטערער בחור.

און אט דער עמיל פיסער האט מיך אפגעווארט אויפן פעראן אין דעווענטער. און כאטש ער האט די פאר אנקומענדיקע פאסאזשירן געקענט און זיך באגריסט מיט זיי, — ווארום ווער קומט דען אין א שפעטן נאכמיטאג אין דער פראווינץ שטאט דעווענטער אחוץ די אייגענע היימישע, וואס זיינען געפארן אין דער פרי קיין אמסטערדאם און קומען איצט צוריק; אין דער פרי קאן אמאל קומען אן אגענט, א רייזנדער, — וואלט אים נישט איינגעפאלן, אז דער שייגעץ מיט דעם שויבער פון אונטערן דאשעק איז דאס דער פארשוין, וועמען ער ווארט אפ.

ער האט אפגעווארט אן „אסט־יודן”, א „בחור”, א „פאעט” און דא קומט גאר ארויס אזא מין יונג מיט אפאר ווילד־זוכנדיקע, בלויע אויגן, אן שום געפעק, מיט א פאכנדיקן בריוו אין דער האנט: מסתם איז ער א פאסאזשיר, וואס איז ארויס אויף א וויל פון צוג א בריוו אין פאסטקעסטל אריינצוווארפן און שנעל צוריקאריינצולויפן איידער דער צוג גייט אפ. זעענדיק אבער ווי דער פעראן איז שוין גאנץ ליידיק, די אלע באקאנטע פאסאזשירן זיינען ארוים, דער צוג איז אפגעפארן און דער פארשוין מיט די זוכנדיקע אויגן לויפט נאך אלץ ארום מיטן פאכנדיקן בריוו אין האנט, איז ער צו מיר צוגעגאנגען, אריבערקוקנדיק איבער די גאלדענע רעמלעך פון די פיין אויסגעווישטע ברילן־גלעזלעך, פרעגנדיק מיך אויף האלענדיש צי ער קאן מיר מיט עפעס דינען. הערנדיק אבער מיין „אשטעבעליוו”־געשטאמל, איז ער ארויס שוין אויף זיין יידיש מיט א ברייטן, היימישן „שלום־עליכם: איר זייט דאך מסתם חבר שטענצל?”

פון מיין נאמען האט ער שוין געוואוסט, געהאט אים אפילו מיט אלע פרטים אין זיינע „פראטאקאלן־אקטן”, די חלוקי דעות פונם אמסטערדאמער קבוץ וועגן מיך אויפנעמען ווי א חבר: „א יידישיסט”, „א בונדיסט מסתם, צי גאר א באלשעוויק”, חוץ מזה קיין ריכטיק מאטעריאל פאר א קאלעקטיוו: „עקזאטיק”, „א ראמאנטישע זאך” . . . שפעטער האט ער **דווקא געהערט, אז** איך האב מיך גוט איינגעארדנט ווי א גערטנער־געהילף אין שלאטן . . . „אן ארבעט־ליבנדיקער מענטש” . . .



ווען פרידלאנד האט אים טעלעפאנירט, אז איך קום, האט ער געמיינט, אז די אמסטערדאמער גרופע האט עס באשלאסן אזוי, ווי א חבר לדעה, א ציוני, א העברעער געהער איך צום טוועלער־קבוץ — „דער האלענדישער אוואנגארד” פאר די קבוצים אין פאלעסטינע! עמיל פיסער האט לגמרי נישט געוואוסט, אז דאס איז גאר געווען דער שנעלער באשלוס פון פרידלאנדן מיט דעם מעדיצין־סטודענט, וואס היינט־מארגן פארן זיי אוועק און ווי קאנען זיי מיך איבערלאזן ווי אויפן וואסער אין אזא מין צושטאנד . . .

אויף מיר נאכאמאל א קוק געבנדיק איבער די גאלדענע רעמלעך פון די ברילן, האט עמיל פיסער שוין אפילו געוואוסט צו וועלכן פויער ער וועט מיך „פארהויערן”. געזאגט און געטון, דער בריוו ליגט שוין אין פאסטקעסטל, קיין באגאזש איז אפנים נישטא, די חברים זיינען נאך ביי דער ארבעט, וועט ער גלייך צופארן מיט מיר און מיר זיכערן „די שטעל” — ער דארף טאקע אויך ביי דעם פויער זיין וועגן מסחר . . . אין שטאל דארפן זיין לויטן חשבון, א דריי פיר פרישע קעלבער . . .

**איך זיץ** שוין מיט אים אויף דער בריטשקע. מיר פארן איבער דעם כמעט מיטלאלטערלעכן שטעטל מיט די שמאלע, ריין־בלאנקענדיקע געסלעך, מיט די טורעמלדיק געשניצטע הייזער. מיר האצקען אדורך דעם פיר־עקיק ברוקירטן מארק. דער מארק איז ליידיק, די ביימער רוישן הארבסטיק. א היימיש ווינטל, א פאר ראש־השנהדיקס, גיט א בלאז אין בוזעם אריין און באהאלט זיך ווי אונטער דער פאכווע — מיר זיינען אין דער הויך אויף דער בריק, מ׳הערט דאס האלצערנע קלאפן פון די פערדישע קאפיטעס — דער גאנצער ארום מיט די הערפער, מיט די געשניטענע פעלדער, מיט לאנקעס קי שטייען ווי א פאנאראמע: קופקעלעך הייזלעך טוליען זיך ארום קירכן־טורעמלעך און דא און דארט א דרייענדיקע ווינטמיל אויפן בלויען הימל — עס פאכעט אזוי געמיטלעך שטיל, אזוי בארואיקנדיק. מיינע אויגן זעען אלץ, אבער זיי רעאגירן נישט אין זייער גאפנדיקער שטייפקייט; זיי זיינען נאך אלץ אונטער דער איבערגעלעבטער שרעק פון טויט.

עמיל פיסער, האלטנדיק די לייצן לויז אין דער האנט און לאזנדיק דאס שלאנקע פערדל אין שטילן גאלאפ האט אפאר מאל אריבערגעקוקט צו מיר איבער די רעמלעך פון די ברילן. איינמאל אפילו א שמייכל טוענדיק מיטן ברייטן פנים און א באוועג געטון מיט די ליפן ווי ארויסגערעדט אפאר ווערטער אדער גאר אפשר טאקע ארויסגערעדט. זעענדיק אבער, אז איך רעאגיר נישט, איז אים אויסגעקומען אפנים, אז מיר שטייט נישט אן דער כבוד . . . האט ער געגעבן א שטארקן צי ביי די לייצן, א מין בייזן מסתם און דאס אומשולדיקע פערדל האט, נעבעך, געמיינט, אז מ׳מיינט דאס אים און גענומען דערשראקן לויפן איבערן שטילן דארף־שאסיי. שנעל אריינדרייענדיק זיך אין א מין וועלדל, מיט א ברייטן פלאץ, א נישט־ברוקירטן, האט זיך דאס בריטשקעלע שטארק זיך א שאקל־טוענדיק אויף זיינע ריסארעס א שטעל־אפ געגעבן און עמיל פיסער, נישט ארויסלאזנדיק די לייצן פון דער האנט האט מיט איבערטריבענער פריינטלעכקייט א זאג געטון, גאנץ אויסדרייענדיק זיין ברייט־שמייכלדיק פנים

צו מיר, אבער נישט אן איראניע. „דער הערר פאעט דיכטעט נאך און מיר זיינען שוין דערווייל אנגעקומען".

בשעתן שארפן צי מיט די לייצן האט עמיל פיסער מסתם באשלאסן, אז אין אזא מין „צושטאנד" קאן מען נישט ברענגען קיין „קנעכט" פארצושטעלן פאר א „באס" (בעל־הבית) און אויך אז דער „שידוך" איז מסתם אינגאנצן נישט קיין געפאסטער; ער האט אפנים א טעות געהאט אין מיר. מיין אויסזעען האט אים אפגענארט . . . אן איינגעבילדעטער, גרויסנאזיקער! . . .

בשעת איך בין אראפ פון דער ברישקע, האט ער גוט אויסגעווישט די גלעזלעך פון די ברילן, — ווי אן אייז־גליטשער, אז ער פאלט, איז איידער ער נעמט זיך צוריק צום גליטשן, מאכט ער זיך פאפראווען זיינע גליטשערס, כאטש ער ווייסט עס וואויל, אז עס איז לגמרי נישט נויטיק; עס הייסט, עפעס איז געשעען מיט די גליטשערס און דער פוס האט זיך א דריי געטון — זיי באדעכטיק אנגעטון און סאפנדיק־גיך א צי געטון ביי די לייצן און שנעל זיך אריינגעגליטשט מיטן בריטשקעלע אויף די וויגנדיקע ריסארעס אין וועלדל אריין.

שטיין בלייבנדיק אזוי אליין, איז מיין ערשטער געדאנק געווען: דעם וועג צוריק צו דער סטאציע וועל איך דאך טרעפן אויבן איבער דעם בריק; איז נעמען דעם ערשטן צוג און צוריקפארן . . . גיין אויף מיין „הערבערג" וואו מיין אויסגעוואשן העמד טרוקנט זיך אויפן בענקל ביי מיין בעט. זיך אדורכשלאפן די נאכט און אין דער פרי גיין מיט דערעקן צו דער ארבעט . . . שוין געפינען א תירוץ וואו איך האב מיך ארומגעוואלגערט יענע נאכט און וואס נישט געווען ביי דער ארבעט היינט . . . ווידער אנהייבן דעם חברישן געראנגל מיט דיסקוסיעס און פראבלעמען — עס זשומעט דאך אין די אויערן! עס פארטשאדעט דעם קאפ! איך בין נישט געוואקסן די סטודענטן־און די ישיבה בחורים־טעארעטיקער . . . וואס וויל איך דען נאך? כ'האב געוואלט לעבן ווי אן ארבעטער, פארדינען מיר ערלעך מיין שטיקל ברויט . . . ווידער מיך פארדרייען אין דעם ווערטער־געטומל, אין דעם הוירא־טאנץ? אדי שפיר דאך, אז איך וועל צעטרעטן ווערן . . .

אין וועלדל קייגנאיבער מיר הייבן זיך אן צוויי פייגל ווי אדורכצורופן; איך הער מיך צו, אבער איך הער גאר ווערטער פון די נעכטיקע רעדעס — א צערוישטער וואלד מיט אפלאדיסמענטן! און אין מיר שרייט עס נאך העכער, מיך איבערצושרייען: יא, זיי זיינען גערעכט, איך האב נאר מיך אין זין . . . דא גייט דאך אין עפעס אויפצובויען, בשותפותדיקס, צוזאם — דאס איז דאך דער געדאנק! דער חלוצים־געדאנק . . .

איך וויל מיך אנהאלטן ביי דעם געדאנק, ביים בלויזן ווארט „געדאנק"! איך וועל דאך ווערן משוקע צווישן גוים! א תנוק שנשבה בין עכו"ם! ווען כ'בין אין ארץ־ישראל קויף איך מיר אן אייגענע לאפאטע און גיי ארבעטן צווישן די יידישע פויערים, אויף די קבוצים . . . אבער דא אזוי? א גייאישער פאראבעק? . . .

צווישן די ביימער דאס גייענדיקע פארנאכט־ווינטל, דאס סוף־זומערדיקע



בארויקט, דערמאנט, וועקט: ס'איז דאך מארגן אויף דער נאכט ראש־השנה, וועל איך זיין צווישן יידן, צווישן חברים און נאך יום־טוב . . . בין איך טאקע אזוי ווייט אוועק דורך די פאר חדשים — רייסט זיך דער געדאנק און ציט זיך ווייטער: דער טאטע אין דער היים זאל דאס וויסן, ער וואלט דאך געוויינט איבער מיר, מער ווי איבער שלמהן . . .

מורא קריגנדיק אפנים כ'זאל נישט ווידער אריינפאלן אין נעכטיקן צושטאנד, האב איך מיך אויסגעדרייט פונם וועלדל צום פראנט פונם הויז, גענומען קוקן „וואו ס'עפנט זיך א טיר", זוכן מיט די אויגן דעם אריינגאנג, האב דערזעען די געכתיבהטע אותיות „בית־החלוצים טוועלא".

הערזעענדיק די אותיות, האט מיך א ווארעמע היימישקייט ארומגענומען — אייגנס, שותפותדיקס, אונזערס . . .

ביי דער זייט פון הויז איז געווען א הויכער, האלצערנער פלויט און צווישן הויז און פלויט א קליין טירל פארמאכט אויף א קייטעלע. כ'האב עס אויפגעעפנט און בין אריינגעגאנגען, שטיל, ווי מיך אריינגעגנבעט. איך בין אריינגעקומען נישט אין א הויף, נאר אין א גערטנדל, א גוט געפלעגטס, מיט גוט אויסגעטרעטענע און געשניטענע סטעזשקעס, וואס פירן אין הויז אריין און צווישן פילע בייטן, קליינע, שמאלע, פון אלץ צו ביסלעך — פון אלע מינים גרינסן און ירקות, קיין גרעזעלע פון אומקרויט צווישן די מיניאטורבייטן. ארום ביי די פלויטן, צוגעבונדענע מיט שטריקלעך, היימישע סלאנעטשניקעס און ארבעס־שויטן; אינצווישן, ווי צופינס — ראש־חודש־רעטעכלעך!

היימישע חברה! ס'האט מיר אן הנאה געטון וואס אינם שניט, אינם אויסזעען פון בלעטל, אין זיין באשטימטן גרינס האב איך דערקענט וואס אונטער דער ערד וואקסט דארט — ס'איז מיינס מיין מלאכה און הנאה געהאט פון דער פיינער, זארגזאמער ארבעט . . . ווי אלץ איז אזוי גוט געפלעגט — א ברכה צו מאכן!

„חברה"! האבן די ליפן מיינע געשמייכלט, מיך אראפבייגנדיק, דערזעענדיק א ניי מין געפארעמט בלעטל, וואס איך האב נישט געקענט; אפנים פלאנצלעך פון בלומען — דא מוזן אויך זיין ערגעץ זאמען קעסטלעך און גלאז־שייבן!

אויפהייבנדיק דעם קאפ, שטייט איבער מיר א פרוי? אן עלטער מיידל? א צעפלאמטע מיט אויפגעשארצטע ארבל איבער די עלנבויגנס, די פעטע פולקעס זיינען נאך רויטער:

„שלום, מסתם דער נייער חבר פון אמסטערדאם, גראד געקומען אין צייט. קומט אריין, ס'וועט מיר נאך אויסלויפן".

אין קארידאר איז זי שנעל אריין אין דער פארענדיקער קיך־טיר און מיר געוויזן: „גייט ווייטער גאנץ אין פראנט, אין חדר־האוכל, אין גרויסן זאאל".

עפנענדיק די טיר פונם ליכטיקן, גרויסן זאאל, מיט א גאנצער ריי פענסטער ארויס צום וועלדל, לויפט ארום א קליין מענטשל, א סנאפיקל מיט א גרויסן רויטן קאפ, ארום א לאנגן געדעקטן טיש — מ'הערט נישט זיין לויפן, וויל די האלב־קרומלעכע פיס שטעקן אין וואלענע, דיקע זאקן, — און קלינגענדיק מיט די גאפל־מעסער, מיט די בלעכענע שיסלען שרייט ער מער ווי ער זינגט:

„אייזיק מזיק, די באבע טאנצט א קאזאק,
„די מיזינקע אויסגעגעבן,
„די מיזינקע אויסגעגעבן" —

אויפהייבנדיק דעם שווערן קאפ און דערזעענדיק מיך אריינקומען, שרייט ער זינגענדיק אויס:

„איי שלום־עליכם, צו אייך מוז מען דאך זאגן ‚סקאצל קומט׳, איר זענט דאך דער יידישיסט פון אמסטערדאם", צעלאכט ער זיך: „דא וועט מען עס אייך שוין פון קאפ ארויסשלאגן . . . ערשט ווען די גאליציאנער חברה וועלן זיך צו אייך נעמען" . . .

איך קוק מיך ארום. אויף די ווענט הענגען בילדער, ס׳שטייען ארום ווייכע זעסלען, שענק אנגעווארפן מיט ביכער. ער לויפט צו צו א שאנק פון וואו ער שלעפט די שיסלען שרייענדיק אין דער שאנק אריין:

„מיין נאמען איז ראזענבלאט, שלום וועל איך אייך געבן שפעטער — מ׳טאר נישט מפסיק זיין, איצט איז עבודה — עבודה היא חיינו!" — זינגט ער ארויס און בלייבט שטיין איבערן טיש ווי ער וואלט עפעס געזוכט . . . מיט זיך מיישב געווען, אפנים דעם פאסיקן פלאץ פאר מיר.

וואס האסטו דיך צעזונגען? קום דאך ארויס העלפן אפזייען די קארטאפל" — שרייט עס אריין פון קיך: „די חברים קומען דאך באלד".

צומארגנס איז געווען ראש־השנה אויף דער נאכט. ארום א יום־טובדיק געדעקטן טיש, מיט אנגעצונדענע ליכט, מיט לויכטנדיקע בלומען פון אייגענעם גארטן, זיינען געזעסן נישט נאר אלע טוועלער חברים, נאר די געקומענע פיציכטער פון ווייטן גרויניגען, די „פלאריסטן", די „גערטנער־ארכיטעקטן" פון נאנטן הארלעם און די ירקות־גערטנער פון אמסטערדאמער סלאטן.

די שטימונג איז געווען א פייערלעכע! נאך א שטיקל האמפערניש און דיסקוסיע, וויאזוי טאקע אויסגעפונען די נייע קבוץ־טראדיציע שטאט צו מאכן א קידוש און א המוציא, איז מען ארויס מיטן געזאנג: „עבודה היא חיינו". זעענדיק אריינטאנצן אויף זיינע קליינע, קרומלעכע פיס ראזענבלאטן, מיטן גרויסן קעסל־טאפ, טראגנדיק אים אזוי א פארעדיקן, א ריח־ניחוח שמעקעדיקן אין ביידע הענט, האט זיין גרויסער רויטער קאפ אויסגעזעען נארמאל, ווי די אויפגעהויבענע שטארץ — די מעשענע טאץ איבער א קעסל־פויק; די שטוב האט געהילכט פון געזאנג.

אברהמל שטארק, דער פארזיצער, אויבנאן, האט געקלאפט אין טיש, געוואלט האלטן זיין צוגעגרייטע רעדע אין העברעאיש, אין הברה ספרדית, אבער דאס געזאנג האט אים איבערגעהילכט.

קייגנאיבער מיר, ארויפצוצו, האב איך געזעען זיצן דעם אמסטערדאמער חבר, וואס האט מיר פון טראמוואי צוגעשריגן: „פרא אדם!" דערזעענדיק מיך, האט ער לכתחילה א פארוואונדערטער א צי־ארויף געגעבן די ברעמען, ווי איינער זאגט: ווי קומט דער הון דער סוכה אריין? נאר דערזעענדיק מיין צרהדיק, מרה־שחורהדיק אויסזעען, מיין טרויער אין די אויגן, האט ער זיך געטראכט: מסתם האט ער שוין געטאפט א וואנט דארטן ביי זיינע יאר־



דאנער שקצים . . . ער האט נישט געוואוסט פון דעם בריוו מיינעם, אפגענומען אין האטעל און דאס, וואס פרידלאנד מיטן ווארשעווער מעדיצין־סטודענט האבן, אונטערן רוקן פון קאמיטעט, אפגעטון אויף זייער אייגענער אחריות פאר זייער אפפארן, פארלאזנדיק די חלוצים־ארגאניזאציע.

ס׳איז דאך היינט ראש־השנה, האט ער זיך מסתם געטראכט, יידישלעך־חבריש אריבערבייגנדיק זיך צו מיר, מיר אויסגעשטרעקט די האנט: „ראה פניך לא פללתי . . . אפנים מן־השמים. ס׳איז דאך היינט ראש־השנה איבער דער וועלט".

איך האב געזעען דעם פריינטלעכן שמייכל אויף זיינע ליפן. איך האב אים צוריק אויסגעשטרעקט די האנט, און מסתם האבן מיינע ליפן אויך זיך געעפנט און געשמייכלט. אפשר האב איך אייך געזאגט אפאר ווערטער, אבער פאר מיינע אויגן איז אלץ געשטאנען און זיך נישט אפגערוקט. די צוויי טישן, וואס כ׳האב געזעען שוועבנדיקע איבער די קעפ פון די צעזינגטע חבריא, איבער די ברענענדיקע ליכט, פלאמענדיק, ציטערדיק אין דער צעהיצטער ווארעמקייט, איבער די פארביקע, שארף־שמעקעדיקע בלומען — אריינשפיגלענדיק פון דער ריי פענסטער, ארויס צום טונקעלען סודותדיקן וועלדל: שלמהס שטוב, דער אויבנאן איז ליידיק, ארום זיצן מרים־ביילע, ווי זי שטארקט זיך, ווי זי וויל זיך באהערשן, ווייל זי ווייסט, אז דאס איז דער רצון פון איר הייליקן מאן, זצ"ל, קאן זיך דאך נישט מער איינהאלטן און מיט איר ברעכן אויס די קינדער אין א שלאכציק געוויין. יעקב יוסף אבער דער בחור, דער ראשית אונו, ציט ווייטער מאנאטאן זיין פרומען ניגון־לאזן קידוש — אביסל הייזעריקלעך, פונקט ווי זיין טאטע!

עס ציטערן די ליכט, ווי די בלאס־געווארענע פלעמלעך וואלטן זיך געוואלט אפרייסן פון די טרערן־שמעלצנדיקע קנויטן. ווי דאס הארץ אין מיר, עס צוקט מיט, עס וויל זיך אפרייסן. אבער באלד הער איך דעם טאטנס לויטער קול, ציענדיק־זינגענדיק, יום־טובדיק־קלינגענדיק, זיך שטארקנדיק: „אשר בחר בנו מכל עם ורוממנו מכל לשון . . . ונתן לנו באהבה מועדים לשמחה חגים וזמנים".

כ׳זע די מאמע, ווי זי שטייט ביים טיש. אירע שלאנק־צארטע הענט לויכטן ליכט־בענטשענדיק פון טיש אראפ, ווי זי וואלט זיך אנגעהאלטן אין אים, נישט אומצופאלן, אירע שארף־צוגעביסענע ליפן ציטערן און דעם טאטנס ראש־השנהדיקער קידוש־ניגון ציט זיך ווייטער: „מקדש ישראל והזמנים". און עפעס אזא פרייד כאפט מיך ארום, אן אומבאוואוסטע, אן איבערמענטשלעכע פון דעם ציענדיקן ניגון, פון די לעצטע דריי ווערטער . . . עס ווערט שטיל א וויילע, אפנים ער מוז זיך אויך שטארקן, זיך מחזק זיין . . . ניין, כ׳הער: אין טיפער כוונה איז ער אריינגעפאלן, אין חדוותדיקע דבקות: „שהחינו וקימנו והגיענו לזמן הזה" און איך שפיר ווי מיינע ליפן זינגען, זיי זינגען מיט מיט דער גאנצער חברים־חבריא: „עבודה היא חיינו".

די טעלער לאקשן מיט יויך, פארען יום־טובדיק, ריח נחוחיק אויפן טיש, אויף אברהמל שטארקס בענקל אויבן־אן ביים טיש שטיי ראזענבלאט אויף זיינע

קורצע פיסלעך און זיין גרויסער קאפ איז נאך רויטער און ער קלאפט מיטן שעפ־לעפל צום טאקט און דער גאנצער זאל הילכט און שאקלט זיך פונם הוירא־טאנץ וואס גייט ארום טיש.

אז מ׳טאנצט האלט מען זיך דאך ביי די הענט. האב איך געשפירט ווי די חברים איןביידע זייטן באטאפן מיינע הענט, ווי זיי וואלטן געזוכט עפעס אויסצוגעפונען און אפנים זיי האבן געפונען; ווי נאר זיי האבן דערשפירט מיינע הארטע מאזאלעס אויף די דלאנעס, האב איך דערפילט דעם חבריש ווא־רעמען ארומכאפ פון זייערע פעסטע הענט ארום מיינע . . . יא, זיי האבן אבער אייך געמוזט דערפילן נישט נאר די הארטקייט פון די דלאנעס נאר אויך געמוזט דערשפירן מיין צושטאנד. „ווארים זייערע טאנצדיקע פיס האבן זיך אנגע־הויבן הייבן" בגילופנדיקער, התלהבותדיקער.

ווער זיינען דען געווען די חברה? די מיינסטע פון זיי פוילישע, גאלי־צישע, אוקריינישע איז הער הורא־טאנץ באלד מגילגול געווארן אין א מין חדווה־ ריקוד, און א חסידישן דבקות־טאנץ אין שטובל ארום שולחן, און די פאר פארגוישטע שטודענטלעך און ליטווישע ישיבה־בחורים זיינען מיט אריינגעצויגעווארן, מיטגעריסן געווארן.

ווען מיר האבן איבערגעריסן דעם טאנץ ארום יום־טובדיק געדעקטן טיש, ממש פאלנדיק אן כוחות שוין פון די פיס, האבן מיר דערזען שטיין עמיל פיסערן אנגעלענט אין ביישטידל פון מיט טרערן אין די אויגן — דער „פאטער" פון בית חלוצים הויז אין געקומען ווינטשן א גוט יאר זיינע „קינדער" און איז געבליבן שטיין אן לשון. און ראזענבלאט, הער „חברה־מאן", הער „לוסטיקער לונג און לעבער", שוין הייזעריק פון שרייען: „חברה, די יום־טוב־דיקע לאקשן־יויך ווערט קאלט"! האט זיך ערשט צעזינגען אויפסניי, קלאפנ־דיק מיטן שעפ־לעפל אין ליידיקן קעסל־טאפ!

„כלעבע די געדיכטע!
כלעבע די געדיכטע!
כלעבע די געדיכטע — — —"
(שלוס פון קאפיטל אין קומענדיקן נומער)

## די יידיש-קודש-קדושים

פון יענע הייזער מסתם שוין קיין זכר מער געבליבן,
בלויז איך הער נאך אלץ יענע שטיוול־שריט שווער אויף די טרעפן;
מיט אזא גאנג באגלייטן סאלדאטן טויט־פארמשפטע,
ווען ארויס זיי מען פירט שוין פון תפיסה־צעלן צום קעפן.

עשרה הרוגי מלכות, איין צענדלינג אפצוציילן?
א מנין אזא, פון צען מאל צען, זיי וואלטן געווען!
און וואס פון צוגעזאגטן ביירא־בידזשאן איבערבלייבן,
א געטא־וואנט, א כותל־צפוני פאר די כינעזן?



## לעצטע רגע דוד בערגלסאנס

נישט נאר גאט פון אייגן הארץ צו דערגיין,
פונם אייגענעם גוף שוין — דעם שטן!
דאס גאנצע לעבן ארבעטן דעראויף,
אז אין לעצטע רגע ס׳זאל געראטן.

נישט גרעסטער נסיון ס׳געניגט דערצו —
אליין דערהויבן ביז צו דער תליה!
צו גאנצער וועלט און צו זיך אליין שוין,
צונג ארויסגעשטעקט — קיין צוק מיט וויע.

דאס בייז־פארביטערטע מויל בערגעלסאנס,
אויבערשטע ליפ ווי גיפטיק פארביסן!
ביז אין זיך אריין טיף אריינגעדרייט,
דעם דנא פונם מענטש זיך צודערוויסן.

דער האניק־טראפ, זיין בורשטינענער בליק,
ווען זיין הארץ דעמלט ער האט געלעזן:
נישט מירעלע מער — נישט סענטימענטאל,
מיט מיר נאכאלעמען, אויס, געווען — — —

א רגע נאך געצוקט מיט די גלידער,
בלויז עס בלאנזשען גרויס נאך זיינע בליקן;
ווי שווער ס׳הענגט אראפ זיין אונטערשטע ליפ:
גאט, סוף כל סוף געפינט מענטש זיין תיקון —
— — — — — — — — — — — — — — — —

נישט נאר גאט פון אייגן הארץ צו דערגיין,
פונם אייגענעם גוף שוין דעם שטן — —
מיט זיין לעבנס ארבעט ער וועט שטעלן,
נישט איין אומשטארבלעכן אינם שאטן.

## משה קולבאק

צו נעמען וועם אויף געדרייטע שארף־געשפיצטע הערנער,
זיין באטשופרינעטער פאראויסגעבערגלטער שטערן;
שווערע אין דער ווייט־גאפנדיקע, גרויסענע אויגן —
פערטייעט געווארענע צוויי איינגעהאלטענע טרערן.

א טונקל איינגעהילטער אינם אייגענעם שאטן —
אויסגעזעסן צווישן אונזביים קאפע־טישל געזעסן;
ווי ס׳וואלט אים אין מוח א גליאידיקע קויל געגעבערט,
א שטומער בת־קול אויף א רגע נישט צו פארגעסן.

האבן זיך אבער די פארבונדענע ליפן צעקניפט,
וואגיקע רענדלעך געקייקלט זיך גין־גאלדן לויטער — —
אזוי כאפט ער זיך איצט נאך פון זיין שאטן מסתם אויף,
ערגעץ דארט וווּ ער ליגט א צעשאסענער, א טויטער.

## א סאנעט

דוד האפשטיין, דער נסתר — ווי פארשידן,
און מיט זיין הויכן תלמיד־חכם־שטערן,
כאשין, אלץ אזוי קלאר פלעגט ער דערקלערן:
„קיין אנדערער אויסוועג נישט פאר אונז יידן!

ביזגל מען וועט אקער־אייזנס אויסשמידן,
פון די אלע כלי־זיין און געווערן,
וואסזשע מיינט איר וועט דערווייל פון אונז ווערן,
שעפעלעך עקודים נקודים וברודים?

נישט בחינם אהין און צוריק אנטלאפן —
„פרדס־רמונים" דיינע נייע סטראפן!
דארט ווּו מען שאפט ווערן הייליק די ערטער —

עס זאל פון אונז נישט נאר פעלעכלעך בלייבן,
די אלטע תורה הייליק אויפצושרייבן —
די נייע אצינד מיט אייגענע פראסטע ווערטער.

*   *   *

געציטערט דער נסתר: „כ'וועל נאך לעבן בלייבן,
א באהאלטענער ווי איך בין מיט מיין שרייבן,
אין מיינע סודות ווער זיך פאנאנדערקלייבן".
און דוד האפשטיין האט ענוותדיק זיך געטראכט:
„ווער בין איך דען נאך, אז מע זאל לייגן אויף מיר אכט.

„בלויז פארוואס נישט געשעמט דעם קאפ אויפצוהייבן,
ווען כאשינען אוועקגענומען נאך האלבער נאכט,
זיך געביין צומאל צו קבר־ישראל נישט געבראכט;
„שעדיקער"! און געמאכט זיך דערין נאך גלייבן,
כטעות דעם שקר אליין גענומען טרייבן".

פון טיר־קלאפ אין ען־קא־ווע־דע־קעלער אויפגעוואכט
דוד האפשטיין, ווען דעם נסתר מ'האט אריינגעבראכט!
דערלייזטע האבן זיך ביידע פאנאנדערגעלאכט,
ווי ס'וואלטן געברילט צוויי געפאנגענע לייבן:
דעמלט, און „ראמאנישטן" ווער אזוינס זיך געדאכט?



## קוויטקאן פעפערן און מארקישן

(צו זיין יובל השבעים)

1

ווי יענע גליקלעכע יידישע מאמע,
ביי שלום אש'ן אין זיין קידוש־השם,
זי טאנצט מיט אפגעהאקטן קאפ פון איר קינד:
עומד בנסיון ער איז געווען איר זון!
אזוי מאמע יידיש אין יובל־טאג אצינד.

זי האלזט זיי, קושט זיי, טוליעט זיי צום הארץ:
„קינדערלעך מיינע, טויטע, פארפייניקטע,
משוגע ממש צו ווערן פון ווילדער פרייד,
זעט, אויסגעהאלטן דעם נסיון איר האט".
און מיט אלע דריי אזוי א מצווה־טאנץ זי גייט.

טשופרינע־פאות קאזאצקע צעפלויגן,
אויגן גלוט־צעגלאנצטע, גלאוונע־צעגליט,
א דריי־שטימיק געזאנג הויך צעהילכט זייער ליד,
א קאמערסקאיא, א ווילדער קאזאטשאק?
פא־כאסידאצקעמו אזוי: „איך בין א ייד".

אונטער זייערע פיס־טריט עס ברעכט די ערד,
איבער זייערע קעפ ס'שפאלט זיך דער הימל,
א מצווה־טאנץ ווי א מאמע־הארץ אזוי ברייט:
„פארקנסט כ'האב מיינע קדושים־קדישים,
מיט קידושין־רינג פון דער גאלדענער קייט".

2

פול מיט אייגענעם טויט מוז ווערן דאס ווארט,
אז אייביק עס זאל קענען לעבן בלייבן,
אז נישט לידיק עס איז, נישט הויל זיין עכא;
אז נישט ווי אויף א באראבאן זיי פאלן,
די ווערטער אויף פארמעטן אויפצושרייבן.

געשפיצטער קאנזשאל אינם הארץ צו שטעקן,
אינם אייגענעם אין די טיפסטע טיפן,
מוז זי זיין די פעדער, די שארף־געשפיצטע;
מיט איר בלוטיק טריפן צו ענטציפערן,
די פארציקסטע צרופים־הערוגליפן.

גראד געווירעטע שורות אויף די יריעות,
שטערן צעקנייטשטע געגארבטע אין קארבן — —
צי האט ווער דען שוין געהערט, אז א נביא,

א סאקראטעס־קריסטוס, ליבקנעכט־לוקסנבורג,
אויף אייגענעם הימל־בעט זאלן שטארבן ?

מיט זייער דם־התמצית־בלוט, צעשפריצטן,
ס׳לעצטע ווארט זייערס אנגעפולט מוז ווערן,
אז די הוילסטע הערצער נאך, די ליידיקסטע,
געאייביקט זאלן בלייבן און געהייליקט,
עפאכע־עכא פון צייטן דערהערן.

## שלמה מיכאעלסן

א וואקלדיקער פון וויין־קעלער בגילופין ארויס,
א שכורער באקכוס ארומגערינגלט מיט סאטירס ;
די מוזע זיינע — ס׳אלמנה׳כל בת־ציון אליין,
א פארשנאשקעטס שאנשאנעטקעלע, כאטש נעם אין פארפירס.

בלויז זע, דער זוויג למזל איז עולה יפה געווען,
געבוירן אזוינס אזעלכעס — א בן זקנימל !
א וויגעלע ס׳האט — פון הימלישע שטראלן געשפונען,
פארוויגט עס ווערט — מיט מלאכים נגונים־נגינימל.

פון הינטער סטאדעס ציגן־וואלקנדלעך, לויפנדיקע,
שיטן זיך די קלאנגען באגלייט פון מאדאלינען ;
„בדמיך חיי״, א גאנצע נאכט ווינט א לידל,
ביז די חלום־אייגעלעך געעפנט אין באגינען :

דער טאטע מיטן ציגן־בערדל געפארן האנדלען, —
אויף די ווענטלעך טאנצן פון די הערנדלעך די שאטנס :
ווי חדר־ייִנגלעך צום „קריאת שמע־לייענען״ אנגעקומען,
דאס אויסגעשלאפענע ייִנגעלע אזא געראטנס —

זיצט צוקאפנסביים ייִנגעלע די אלמנה בת־ציון,
און דאס הימלישע מלאכים־לידל איז גאר איר׳ס — —
דורך א שטאל־דאך איבער שטוביקע בינע־ברעטער
בלישטשעט שוין „דער שטערן״ פון קעניג פון די קעניגלירס׳:

פון פארבלאנדזשע שניידער־געזעלן, שוסטער־ייִנגען,
די פעדער־פליקערינס, טיקערינס, זאקן־שטריקערינס,
א שפרונגדזשענע אייסגעשפרונגען — שלמה מיכלס !
א דרייענדיקע ראלעט צוגעווינען — „דאס גרויסע געווינס״ —

— — — — — — — — — — — — — — — —

א וואקלדיקער פון וויין־קעלער בגילופין ארויס,
א שכורער באקכוס פון סאטירס ארומגערינגלט ;
געשפעקטאקלט, אראקלט טויט־לאכנדיק געוואקלט,
אבער אז ייִנגען אזוי ייִדישלעך זיך געיינגלט.



זינגלט עס זיך : א טעאטער־שפיל איז ס׳ביסל לעבן,
גרימירט ווי א ציקעלע ס׳ייִדעלע מיטן בערדל ;
מ׳קוילעט אויף דער בינע שטייט עס אויף אינטער די קוליסן,
אז אזא דריי־בינעלע דאס גאנצע קיילעך ערדל.

## א מעשהלע אלט און אייביק ניי

זי האט געזונגען פאר אירע עופעלעך,
פלאטערדיק, שוועבנדיק, נישט ווערנדיק מיד,
און פונקט ווי די קארמענדיקע קרישקעלעך
מיט די פיסקעלעך — מיט זייערע אויערלעך,
אויפגעפאנגען די קלאנגען זיסע פון ליד :

„פלאטערדיקע, שוועבנדיקע מיר זינגען,
אזו ביזן זיבנטן הימל אריין ;
נישט אלע דערגרייכן אנצוקומען דארט !
ווי א טוי־טראפן פונקלדיק אין דער זון,
מוז א געזאנג זיין אזוי קרישטאלן ריין״.

ביז איינמאל נישט צוריק אראפגעקומען,
פון א רויב־פויגל געפאנגען און פארציקט — —
„אין בלויען אויבן אצינד אונזער מאמע,
טיף העם זיבטן הימל זי האט דערגרייכט״.
האבן די עופלעך געזינגען באגליקט.

פלאטערן זיי שוין און פליען און שוועבן,
דערוואקסענע טשוויטשער־שוואלבן שוין אליין,
און ווי וואונדערלעך שיין זייער געזאנג איז !
בלויז ווער ווייסט וויפיל פון זיי ווידער אצינד,
דערשוועבן אין זיבטן הימל אריין ?

## בנשיקה (טריפטיך)

פאר ניקאל

ס׳לינקע טירל

זאלן זיי פליען צו די ווייטע שטערן,
מיר שפילן זיך אין קאמער־קאמער־טיר מיט זיי ;
זאלן די זוכן די „בתולה״ אין הימל,
„מזל״ אונזער׳ס — יעטוועדער רגע זיין געטריי —

ס׳דרייט זיך דער גלגל־ארץ א שווינדל־ראד,
דראט און דרים ! ווער עס פארלירט און ווער עס געווינט ;
שמונה־עשרהדיק דאס דרענדערל שטייט שטיל,
צומאל ס׳ליבעשפיל — א געווינערין מיט א קינד.

שפילט מען בלויז אין „בלינדע קו“ לאזט זיך באלד אויס
א בוידעם — בייז געשריי די בידנע שפילעריי:
א קו געפלויגן איבער דאך, פארלוירן —
מיט מזל אראפגעלאזן א „קאטשקע“־איי.

זאלן זיי פליען צו די הויכע הימלען,
מיר וועלן זיך האלטן נידריק ביי דער ערד;
אויסגעשפילט די לעצטע טרומף־קארט, הארץ רויט,
אלץ שטעלן אויף איר און זען צי זיין ס׳וועט באשערט.

א שאך־ברעט מיט אויסגעשטעלטע פיגורן
דער כדור־ארץ — די מלכה האט דעם אויסגאנג;
אזש דריי פויערימלעך נעמט זי אויף איר וועג,
און ציט ווייטער, קעניגלעך, מאיעסטעטיש, שלאנק.

ערשטער פליגל.

1

ער איז נישט עלטער געווען פאר מיר, יענער קעניג,
ווען מ׳האט אים א מיידל זוכן גענומען;
יענע מסתם נישט יונגער און נישט שענער געווען,
ווי די אצינד וואס צו מיר איין געקומען.

און נישט מיין אלט, און קאלט לייב איצט צו ווארעמען,
נאר פון מיר גאר אן אויסגעווארעמטע ווערן;
ווי זי לייכט אויף פון מיין בליק, מיין אנגעצונדענעם,
נישט צו פארלעשן שוין מיט זידיקסטע טרערן.

2

ב׳מיין שטראל־צעמוטשעט־שטערן־שטויב־צעשוועבטער שטוב,
ווי צו א בועז אין שייער ביסט געקומען —
אלע אויסגעמליטשעטע געזאנגען שוין אין מיר,
ווי פייער סנאפעס האבן ברענען גענומען.

דער קעניגלעכער, דער נעים זמירות ישראל
האט א זון געהאט א שיינקייט צו באזינגען,
איך האב נישט, בין איך געצוואונגען אליין עס צו טון —
און אויב ס׳וועט מיר נישט ווי אים געלינגען —

1

דעגא — דער בויג פון דיין גוף,
באוועגלעך־שלאנק, אויסגעגלייכט גראד;
ס׳שמייכעלע כ׳וויל אויפכאפן,
א ריר צו פארלירן א שאד.

ווי געשפאנט איך לייען אים
מיט מיינע אויגן — גליד נאך גליד.



און דאס טיף־פארבארגנסטע —
ווערלענס „רעגן“־געפליסטער ליד.

2

וועמען קאן איך דיר שעפטשען,
אזעלכעס וואס דיר וואוילגעפעלט?
הער, אות נאך אות, ווארט נאך ווארט —
א ליד פון דיר צונויפגעשטעלט!

דו לאזט די אויגן אראפ,
ווארט, באלד קומט עס — צו פאסן קוים?
פארוואר, ס׳וועט זיך באווייזן —
א וואכיק־פארגילדיקטער טרוים.

1

צו דיינע שטערן־צעפינקלטע בליקן
כ׳הייב אויף מיין קאפ אין פארחלומטער נאכט,
א סערענאדע־דיאדעם דיר אויסצוזינגען
פון הארץ־סטרונעס — די מאנדאלין געמאכט.

פון אונטער איין וויע ס׳קוקט ארויס דיין אויג —
אויף א שויב א פארשארטע שפיץ־גארדין!
הערסט, ווי עס קלאפט מיין הארץ — א פייקל צום טאקט —
ס׳פלאצט לעצטע סטרונע שוין פון מאנדאלין.

2

ס׳צעפאלדלט זיך שוין דיין שטערן מיט אותיות,
און צומאל צווישן די שורות איך ליי׳ן;
נאך וואס דיין הענגענדיקע טרער אויף וויע,
אן נקודה־געפינטל כ׳קאן פארשטיין.

ווי ס׳יידעלע צעקוועטשט צווישן א קנייטשל,
אז קוים מען זעט דאס קעפעלע ארויס . . .
פארשארץ נישט אזוי ס׳חולם גימל־נעזל,
כ׳פארשטיי א הארץ־סוד, כ׳זאג קיינעם נישט אויס.

1

דערפארשן, פארטייטשן,
און אויף וואסער לשון?
אז נאר ארויסגערעדט,
שוין ס׳איז אויסגעלאשן —

דער ווייך ווערט געצייטיקט!
דער גערשטן געדראשן!
בלויז טוישט מען אויס ס׳רענדל,
ס׳בלייבט פארראסטער גראשן —

2

קייקלט זיך א רענדל
און ס׳ווערט וואו פארלארן,
געפינען קען מען׳ס ווען,
מאנכעס מאל נאך יארן.

אינמיטן חלום ווער
איפגעכאפט געווארן,
וואס דערפון אין לעבן,
וואכיקן און ווארן?

1

ווי דוד המלך
געפאלן איז פאר גאט,
קעניגלעך אויף די קני
מתפלל געווען האט —

און ווי שלמה, זיין זון,
אין שולמיתס געצעלט,
ליבע אראפגעברענגט,
פארן מענטש אויף דער וועלט —

2

ס׳מעסטל גערשטן שוין בועז
פול אפגעמאסטן האט;
אין ווארן ווארט צו רות —
די דלד פון אחד.

פאלט א גערשטל אראפ,
וואקסט אויס אין פעלד א זאנג;
איין ווארט — און אין הימל
א מלאכים־געזאנג.

מיטלשטיק

1

. . . אן רחמנות וויאזוי ליבשאפט?
וויאזוי א קינד אן א מאמען?
עס איז דאך דער חוט החסד נאר,
וואס האלט נאך אונזער ערד צוזאמען.

אז וויאזוי א וועלט אן גענאד?
וויאזוי מענטש אן דערבארעמען?
איינס איז אלף, ס׳צווייטע — תיו,
אן רחמים — איז ליבע הארעמען.



2

עס איז דאך די ליבשאפט, גאטס גענאד,
אז מיר קאנען זיך צונויפריידן —
עס שווייגן זיך די הערצער צוזאם,
וואסער סם ס׳זאל זיי נישט צעשיידן.

וויפל גוטס אין א גלעט פון א האנט,
וויפל גענאד אין בליק פון אויגן,
אויב נישט ס׳ביסל דערבארמונג — ליבע
ווי פאר א צויג, פאר מענטש נאך טויגן.

1

ווען מיר זיינען גאטס הייפעלע ערד,
וואקסן אין אונז ווערטער וויביימער;
ס׳קאן א מענטש זיך צעצווייגן. ווערן —
וואלד געוואלטיקער, גאנץ געהיימער.

און ווי וואונדערלעך זיך צעווארצלען,
ביז צום תהום פון די תהומען;
איז דען נישט גאט אליין, דער אחד,
פאטער־פארמול פון אל־אטאמען?

2

און דאס ווארט דאס הייליקע, ס׳גרעסטע,
פאר די ליפן עס קוים צו ברענגען —
א פלאטערדיק זומערפייגעלע,
ארום פלאם פליגעלעך פארזענגען.

און ווי טמאדיק קאן עס ווערן,
און ווי פארסמט — א נעסט פון שלאנגען —
— — — — — — — — — — — — — — — —
„המלאך הגואל" — א לייב אין לייב,
טלית געוועבט פון פרייד־געזאנגען.

1

איז נישט אונזער ווארט דאס איינציקע,
וואס ווערט געבוירן אין אונזער גוף;
א געטובלטס אין זיבטן שווייס
בת־קול־ריטם, קלארער עכא־רוף.

און ווי צעריסן קאן עס ווערן,
ווי ווערמיק־פארשוועכט, פארזשאווערט־הויל;
א בלוטיק־אנגעזאפטער ביסן,
ארויסגעריסן פון יענעמס מויל.

2

אז וואס איז דען ליבע — אהבה ?
אין הארץ מזוג־זווגים בת־קול !
דבקות־ריקוד, אחד־קאראהאד,
די מארסעליעזע אין מארש־פאראל.

אבער ווי לייכט קאן דאס אלץ ווערן,
בלוטיקער שליאד פון מענטשלעכן שריט ;
צעטראטן אונטער אים ליגן בלייבט
בליט־צעבלעטערטע בלום, צארטסטער צוויט.

1

— דיין שפראך וועט מיינע זיין, אין איר כ׳וועל ריידן
און ווי דו וועסט טראכטן וועל איך אויך טראכטן ;
אויפגעגאנגען אין מיר דער דופט פון לשון
פארשמאכטן, פאראכטן און אויסגעלאכטן.

דערפילט דעם ריח־גערוך פון מאנדלצווייגל,
אין די יאדערדיקע־געשמאקע ווערטער ;
נידער מיט מיר טיף אין טאליקן גארטן
צו די ווארצלדיק־פארבארגנסטע ערטער —

2

— מיט ווארצל אויסגעקארניעט ס׳מאנדלביימל,
מיט זיינע צווייגלעך געצונדן א שייטער ;
אבער גאלדן ציגעלע, „נישט געפערלעך״,
האנדלט, ברוך השם, מיט מאנדלען ווייטער.

פארווילדעט אומקרויט, וויסט־פארברענטער גארטן,
פארוואלגערט, פארוויאנעט, פארוועלקטע בלעטער ;
בלויז ווי ס׳ווילט זיך, ווי ס׳גלוסט זיך מענטשלעך ריידן —
טויט־פארשוויגן ס׳ליגן אלט־פאלשע געטער !

1

מיך אויסשיילן ווי פון איר ציבל א בלום,
אראפוואַרפן פון מיר דעם זאק מיט יארן ;
פון געוויין און פון ווערטער אפגעשאקלט —
א שוואלב נאך רעגן אויפפלאטערט צום פארן !

וואס געגריבלט, געשווייבלט, רק גענעגעט,
געבעבעט מיט „מ׳מעגן״ און „מ׳טארן״ —
ווי איינער צו זיבציק אזוי צו זיבן !
נאך א רגע און שוין — ביסט אפגעפארן.

2

וועלקט נישט א קושאק, וויאנעט נישט א בוים, א דעמב ?
און זיי ווערן עלטער, שטארקער און יונגער ;



מילא, בין איך נישט א נעים זמירות ישראל,
אבער דאך א יידישער לידל־זינגער.

יא, איז גרינג־אויפגעפלויגן, יונג־געזונגען,
וועט ווערן אויפן הארץ אביסל גרינגער ;
זאל עס מיר נאר ערשט גוט געראטן, ס׳ליד מיינס
כ׳וועל מיטלאכן מיט אלע בייזע צינגער.

צווייטער פליגל

1

ווי שרייעריש־פארביק, ווי שטאלץ־שלאנק,
מיינע פאר בלימלעך פארוויקלט אין פאפיר ;
איינס גאר א קליינס, א העזהדיקס, א רויטס,
מיט א גנביש אייגל ס׳ווינקט ארויף צו איר.

אירע אין בלומענטאפ עניוותדיק,
שעמעוודיק, פארשלייערט, מיט קעפל אראפ ;
ביי איינעם די גאנצע פארב אין פנים,
טיף אין טאפ ערד צו באהאלטן כאטש זיין קאפ.

2

פאפירן־רוישיק, מיינע פאר בלימלעך,
ווילאנג נאך באהאלטן פריש זייער קאליר ?
פארוויאנעט פארוועלקט באלד וועלן זיי זיין,
צעפאלן אויף שטויב, געבן זיי בלויז א ריר.

פון טאג צו טאג וואונדערלעכער ווערן
דיינע טיף־פארווארצלט אין בלומענטאפ ;
ווי שלייער נאך שלייער, צניעותדיק שטיל,
ס׳פאלט בלעטל נאך בלעטל פון שטענגל אראפ.

1

קיילעכדיק־ווייך, כארכלדיק־הארט,
צארט דו באטאפסט עס מיט דיין ליפ ;
יידישן טעם צו דערפילן,
דערהערן יידישלעכן כליפ.

טוליענדיק עס פעסטצוהאלטן,
דיין שטערן פעלדלט זיך און קנייטשט —
ווארט כ׳לייג׳ס דיר זיס אין מויל אריין,
מיט מיין צונג — ווארט־ווערטלעך פארטייטשט.

2

עס שמעקט פון דיר מיט פרישער ערד,
אדער דעם טויט שוין וואס איך שפיר ?

עזה כמות א״ה״בה — — —
ווי ס׳טוליעט זיך מיין ליד צו דיר.

שטיל, קיין מינדסטער באַוועג, קיין ריר,
אויג צו אויג אַזוי, ליפּ צו ליפּ;
הערסט, ווי עס ברעקלט שוין אין מיר
די זיבטע, די לעצטע ריפּ?

1

וויאַזוי זאָל איך עס דיר
דאָס וואָרט אין מויל אַריינלייגן?
מיט מיין ליפּ, מיט מיין שפּיץ־צונג,
מיט אַ בליק — טוליעדיק שווייגן?

אַז וויאַזוי פלאַטערן
איבער אַ רויז אַ צעפלאַמטער?
אַז בלויז אַ בין, ביין־צעזשומט,
איך בין — אַ האָניק־פאַרסמטער.

2

זע, נישט איך — אַ שמעטערלינג,
טויזנט־און־איין־פאַרב געשימער,
גיך אַ פליגעלע פאַרזעגנט,
שוין, ס׳שטאַרבט לעצטער געפלימער.

נישט איך — דאָס וואָרט פונעם מויל,
פון מיין מאַמעס תחינה־ליפּן;
האָרך ווי ס׳כאָרכלט — אַז אַ האָרץ
קאָן זיך צאַפּלדיק צעכליפּן.

1

כשוף־שפּרוך, פאַרמול־צירוף,
אין איין וואָרט אַן איין איינציקן;
אויסגעגאַנגען זאַנג־געזאַנג,
אין קערנדל אין ווייציקן.

נישט אַ ריפּ אויסצושניצן —
ס׳צאַפּלדיקע האָרץ איינגאַנצן!
לעצט וואָרט איבערצוגעבן,
לדור־דורות איבערצופלאַנצן.

2

יאָ, פּאָעטן שטאַרבן יונג,
ווי אַלט און גרוי גאָר זיי ווערן;
געזאַנג גופים־בגילופין,
ס׳טוט די יונגקייט ווידערקערן —



ס׳אַקאָרשט געבוירענע קינד,
ער אַליין — אין זיין באַגערן!
בנשיקה ס׳שטאַרבט אַ פּאָעט,
אַן אומשטערבלעכער צו ווערן.

1

האָב איך דיין טרער דערשפּירט אויף מיין ליפּ,
זאָל דאָך אויך מיינע דיינע דערשפּירן;
ניין, נישט מיין טרער — די ליפּן מיינע,
ווי שנעל מיר ווּעלן זיך דאָס פאַרלירן —

גאַנץ ערגעץ־אַנדערש וואו ווי דיינע,
מיינע פוסטריט מיך באַלד אַהין פירן —
וואָס שוין די טיר פון טויט, אויב ס׳לעבן
אַ לאַבירינט איז מיט טויזנט טירן?

2

אַ דאַנק דיר וואָס די שוועל פון מיין שטוב
דיינע שריט יונג־שפּילעוודיק באַטרעטן;
יעדער בויג־באַוועג — שלאַנק פון דיין גוף,
אַ שפּיגל־דרוק אויף מיינע טאַפּעטן.

כ׳ווייס, נישט איין לבנה־נאַכט אין דיין בעט,
פאַר מיין נשמה ווּעסטו שטיל בעטן —
אַ דאַנק דיר וואָס מיין לייב אין דיין האַנט,
צום שטויבעלע ערד צוריק געקנעטן.

ס׳רעכטע טירל

. . . „נישט געפערלעך״, בעזרת השם,
מען ווערט טאַקע אַלט, אָבער מ׳וועט אויסהאַלטן;
„אַ שכוח״ פאַרן קליינעם יידעלע,
באַהאַלטן צווישן דיינע שטערן־פאַלטן —

צעקוועטש עס נאָר נישט, „חס־חלילה״,
ווי קליין ס׳איז אַזוי הויך זיינע געוואַלטן;
נאָר ס׳ביסל ליבע, ר״ח־מ״נות כאַטש,
און ווי אַלט ס׳יידעלע, ס׳וועט אַלץ אויסהאַלטן.

נישט געפערלעך, מאַכט נישט, שוין גוט זיין,
אַז גאָט, ברוך הוא וויל, דער ים טוט זיך שפּאַלטן;
וואָס אַלץ אויסגעשטאַנען שוין פאַסירט,
מיט אונזער מלופּים־יידעלע דעם אַלטן.

און די קרעמאַטאָריעס, גאַז־קאַמערן ?
ס׳שוועבן פלאַמיק אַן קדושים־געשטאַלטן,
תליהדיק, ברענענדיק, טליענדיק,
פולן מיין שטיבל ביז אויבן צום באַלטן —

מיין האַנט, זי פויסט זיך, באַלט אין אַ בייל זיך,
נאָך אַ ווייל כאַטש די פעדער פעסטצוהאַלטן;
ווי זי ציטערט קאַלט, קנעט און פלעכט זיך,
די שאַטנס אויסצופאָרמען צו געשטאַלטן.

י. ריכטיגער

## די אַנטדעקטע מגילות

### פון דער יידישער סעקטע ביתאיסים

אַז איר קומט אַריין אין בריטישן מוזעאום ווו עס זענען אויסגעשטעלט די מגילות, וואָס מען האָט די לעצטע צוויי צענדליקע יאָרן אַנטדעקט אין היילן פון אַמאַליקן לאַנד יהודה, ווערט זיך אייך, אין פלוג, דאַכטן אַז איר האָט זיך טועה געווען, אַ גרויסע אויפשריפט זאָגט אייך — „סקראָל׳ס פון טויטן ים״. אָבער נאָכן אַרומקוקן זיך זעט איר אַז איר האָט ניט געמאַכט קיין טעות, דאָ איז טאַקי אַן אויסשטעלונג פון די צוריק געפונענע מגילות וואָס די יידישע סעקטע ביתאיסים האָט מיט איבער צוויי טויזנט יאָר צוריק אָנגעשריבן. נאָר וועגן פּאָליטישע טעמים האָט מען משנה שם געווען — פאַרענדערט דעם נאָמען אויף „מגילות פון טויטן ים״. אַזוי ווי אַ כעלמער חקרן האָט אַמאָל געגעבן אַן עצה דעם בונד, ווי אַזוי מען זאָל פאַרענדערן דעם עקאָנאָמישן סדר פון צאַריסטישן רוסלאַנד . . .

מען דערציילט, אַז בעת דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, אין אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט, האָבן זיך אַ חברה בונדיסטן אַריינגעכאַפּט אין כעלמער בית המדרש שבת נאָכמיטאָג, ווען דער רב האָט געלערנט פּרק מיטן עולם, און געצווינגען די אָנוועזיקע אויסצוהערן אַ דרשה פון אַ בונדיסטישן מגיד. נאָכן שיטן פעך און שוועבל אויף די קעפּ פון עקספּלואַטאָרן, בלוטזויגער און דעסגלייכן, האָט דער רעדנער געענדיקט מיט פאַרלייענען פון מאַרקסיסטישן מאַניפעסט, אַז מען וועט איינטיילן די נגידישע פאַרמעגנס צו די אָרעמע פּראָלעטאַריער. די כעלמער, פאַרשטייט זיך, לאָזן זיך ניט שפּייען אין דער קאַשע אַריין און דער רעדנער האָט געמוזט זיי געבן אַן אויסגעהאַלטענע תשובה אויף אַלעם וואָס זיי האָבן אים געפרעגט.

אָבער ווען דער עולם האָט זיך געהאַט אַ ביסל באַרואיקט איז אויפגעשטאַנען דער כעלמער הקרן און געפרעגט — זאָגטזשע מיר חבר, אַז איר וועט צונעמען ביי די נגידים זייער פאַרמעגן וועלן זיי דאָך זיין אָרעמעלייט, טאָ וועמענס פאַרמעגן וועט איר זיי געבן ? זעענדיק אַז דער רעדנער איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל ווי אַ לעמעשקע, האָט דער כעלמער הקרן, מיט אַ ברייטן שמייכל אויף פּנים, אים מגיה וביה אַריינגעהאַקט אַ צווייטע קשיא —



פאַרוואָס חבר איז ניט בעסער משנה שם זיין ? דער רעדנער איז נאָך מער געוואָרן צעטומלט און ניט לאַנגדיק אים קומען צו זיך, האָט דער כעלמער הקרן ווייטער געזאָגט — זעט איר חבר ! איך האָב באַטראַכט דעם ענין טיפער ווי איר האָט, — לעולם איז. אָדם הראשון שולדיק אין די אַלע צרות מיטן געבן פאַרקערטע נעמען צו די זאַכן וואָס דער אייבערשטער האָט געשאַפן . . . אויב מיר וועלן גוזר זיין — מען זאָל חלות אָנרופן ברויט, קאַרפּן אָנרופן הערינג און געבראָטענע גענדזלעך־פאַנטצען טאַבעכעס, וועט יעדער אָרעמאַן האָבן אויף שבת — חלות, קאַרפּן און געבראָטענע גענדזלעך, און מען וועט ניט דאַרפן צונעמען פון נגיד זיינע שבתדיקע „בשר ודגים וכל מטעמים״ . . .

אַזוי איז אויך מיטן נאָמען פון דער אויסשטעלונג, אַז מען האָט משנה שם געווען וועט דער גרעסטער טייל פון די באַזוכער טראַכטן — דאָס די פרומע געגנער פון די פּרושים, וואָס האָבן אָנגעשריבן די מגילות, זענען מסתמא געווען די שטאַמפאָטערס פון איצטיקן יאַרדאַנישן פאָלק, וועמענס לאַנד די ציוניסטן האָבן צוגערויבט. איר דאַרפט ניט לאַכן . . . אַן ענגלישער פּראָפעסאָר האָט טאַקי אויסגעטראַכט אַ היסטאָרישע שיטה. אַז די ציוניסטן שטאַמען ניט פון יענע יידן ? און אַז איר לייענט גאַזעטן ווייסט איר אַוודאי אַז משנה שם זיין איז היינט צו טאָג זער שטאַרק אין דער מאָדע, די מכלומרשטע סאָציאַליסטישע לענדער האָבן אָנגענומען די עצה פון כעלמער חקרן, וואָס דער בונד האָט דעמאָלט אָפּגעוואָרפן. זיי שרייבן אין זייערע צייטונגען אָדער פּויקן אויס אין זייערע ראַדיאָס, אַז מדינת ישראל איז אַן אימפּעריאַליסטיש לאַנד, די קיבוצים זענען שקלאַפן לאַגערס און ציוניזם איז נאַציזם. האָט דען געבעלס ימ״ש געקאָנט בעסער משנה שם זיין ? און טאָמער דאַכט זיך אייך אַז נאָר אַנטיסעמיטן גלייבן — די הערינג זענען קאַרפּן — האָט איר אַ גרויסן טעות, אויך אַ היפּש ביסל פון אחינו בני ישראל זענען געכאַפּט אין דער אמונה, אפשר מיט אַ „יחד יתרו״ ? זיי האָבן דאָך אַ יידישע נשמה . . .

אין אמתן איז די גאַנצע אויסשטעלונג נאָר אַ סאָרט פּאָליטישע פּאַסאַדע, די מייסטע באַזוכער זענען בלויז נייגעריק צו זען וואָס דאָס איז אַזעלכעס, און גיין אַוועק מיטן זעלבן סכום וויסן ווי געקומען. מען זעט דאָרט שמאָלע פּאַסן, שטיקער און ברעקלעך פון באַשריבנעם פאַרמעט מיט העברעישע אָדער אַלט עברישע אותיות, וואָס די ציין פון צייט האָבן זיי צעגריזשעט און דער פענדזל פון זיקנה האָט זיי באַמאַזשגעט מיט אַלערליי געלע, ברוינע און שוואַרצע פלעקער, עס איז אַ מאַטעריאַל פאַר אַרכעאָלאָגישע וויסנשאַפטלער און ביבל פאָרשער, ניט פאַרן פּשוטן עולם. עס זענען שוין פאַרעפנטלעכט געוואָרן זער פיל צייטונגס אַרטיקלען און דערשינען זער אַ סך ביכער וועגן די מגילות און די שרייבער, אויך אין יידיש, און מען באַקומט אַ קלאָרערע ידיעה וועגן דעם ענין פון לייענען די אַרטיקלען אָדער ביכער, ווי פון זען די מגילות . . .

## רעדאַקציע נאָטיץ

די לידער : „קומט אַ טאָג״ פון דוד אַפּאַלאַוו, „מיקל אַנדזשעלאָס סיסטינישע קאַפּעלע״ פון ש. באַיאַרסקי, אַ סקיצע פון ש. טענענבוים, די רעצעזיעס איבער די אויסשטעלונג פון יאָזעף הערמאַן און די אויסשטעלונג פון שטאַניסלאַוו ברונשטיין און די לאָנדאָנער קולטור ידיעות אין קומענדיקן נומער — ד.ר.

אברהם סילקעס (פאריז)

## „ווערטער און ווערטן"

(א ווארט וועגן בוך פון ל. דאמאנקעוויטש)

דער פאריזער יידישער יישוב איז איצט רייכער געווארן מיט א וויכטיק ווערק, א ניי בוך עסייען, וואס איז דערשינען אין י. ל. פרץ־פארלאג אין תל־אביב.

דאס נייע ווערק פון ל. דאמאנקעוויטש נעמט ארום עסייען וועגן קולטור, וועגן יידיש, וועגן אונזערע יידישע און וועלט־קלאסיקער, וועגן אונזער חורבן ליטעראטור. אפשאצונגען וועגן דיכטער, פאעטן און פראזאיקער, די בעסטע פארשטייט זיך צווישן אונז. אנאליזן און אפשאצונגען וועגן יידיש־פראנצויזישע מחברים און זייערע ווערק. אין דעם אינטערעסאנטן בוך באקאנט מען זיך מיט אסך וויכטיקע און אינטערעסאנטע געשטאלטן, מיט ליטעראַרישע פערזענלעכקייטן.

יעדער לייענער פון די טעגלעכע פארשיידענע ארטיקלען, און גאר ספעציעל זיינע ליטעראַרישע ארבעטן, וואס דאמאנקעוויטש פארעפנטלעכט שוין זינט יארן, יעדן שבת אין דעם פאריזער „אונזער־ווארט" — לייענט זיי מיט גרויס אינטערעס און ווילן.

דאמאנקעוויטש פארמאגט אין זיך די אמתדיקע יידישע מקורות. מען פילט און מען דערקענט אין זיין שרייבן, כמעט אין יעדן זאץ די מקורות פון תורה, פון תנ"ך, פון חסידות, פון עכטן יידישן און אויך אלגעמיינעם וויסן. פון די דאזיקע מקורות, האט ער אנגעהויבן צו שעפן זיכער נאך זייענדיק א קינד. מען דערקענט עס אין זיין ערנסטקייט און געניטקייט, וואס שפראצט פון זיין שעפערישער פעדער.

אין היינטיקער וועלט, כמעט אן א גלויבן, אן הייליקייטן און אן יום־טובדיקייט, פילט זיך אפילו דער רייפסטער מענטש אביסל פארלוירן. ער זוכט נאך אלץ דעם ריכטיקן וועג, און גאר ספעציעל וואס שייך יידישער לעקטור און שעפערישקייט.

אסך טראכטן, אז מען דארף אפילו נישט זוכן די שיינקייט, די גלויבנס און הייליקייטן. מען קאן זיך זייער גוט באגיין אן דעם אויך. איז עס לגמרי פאלש. מיר זוכן נאר אן אויפהער שיינקייט, יום־טובדיקייט און גייסטיקייט, ווייל מיר קענען אן דעם פשוט נישט לעבן. מיר קענען נישט פארטראגן א לעבן בלויז פון וואכעדיקייט, אן עקסיסטענץ אן שיינקייטן און אן גייסטיק יידיש לעבן.

אין דאמאנקעוויטשעס שרייבן פילט מען, אז ער האט געלערנט תורה, און דערפאר אפשר ווייסט ער וויאזוי זיך אויפצופירן. ווייל די תורה — מה מען אנערקענען און זאגן, אפילו ווי א פריידענקער — האט אונז געגעבן גוטע מידות, איידלקייט טיפע ווארצלען פון גייסטיקער ריינקייט. ער ווייסט וויאזוי ארויסצוברענגען דאס בעסטע און דאס איידלסטע. יעדער פשוטער מענטש פארמאגט אין זיך אסך גוטע אידעלע כוונות און אמביציעס. מען דארף בלויז וויסן וויאזוי ארויסצוברענגען פון זיך דאס מענטשלעכקייט און דאס גוטע.

די לייענער לייענען אויפמערקזאם דאמאנקעוויטשעס ארטיקלען און אר־



בעטן, ווייל ער פרעטענדירט נישט צו זיין דער שרייבער, דער אויסגעשפראכענער פירשפרעכער, דער הויפט־ווארטזאגער פאר דעם יידישן כלל. מען פילט אבער אין זיינע אלע ארטיקלען און עסייען דעם הייסן צובונד צו זיין אייגן פאלק, זיין ליבשאפט פאר כלל ישראל, אפילו ווען ער באווייזט דאס אומווירדיקע, דאס שלעכטע צווישן אונז, ספעציעל אין אונזער היימישער יידישער וועלט.

די גרונט אויסצייכענונג פון דאמאנקעוויטשעס שרייבערישער טעטיקייט איז, וואס ער איז פון פאך מיט א יסודותדיקער קענטעניש פון דער אלטער יידישער געשיכטע און ליטעראטור, איז ער אבער אויך נישט שלעכט פארווארצלט אין דער מערב־אייראפעאישער קולטור, און ביי דעם אלעס, פארמאגט ער זיין אייגענעס צוגאנג, זיין אייגן ווארט צו יידישע און אלגעמיין מענטשלעכע פראבלעמען.

ל. דאמאנקעוויטש אויף זיין אייגנארטיקן וועג פון יידישער עסייאיסטיק און שרייבערישער טעטיקייט דערגייט צו די טויערן פון שרייבערישן רום ביי יידן. מיר שטויסן זיך אויף איינע פון די וויכטיקסטע אייגנשאפטן פון דאמאנקעוויטשעס שרייבן; אויף דעם נאציאנאלן כאראקטער. ער איז איינער פון די היינטצייטיקע יידישע פען־מענטשן, וועלכע נעמען א ווארט, לעבן איבער און קימערן זיך שטארק איבער דעם גורל פון דעם יידישן יחיד, און דער עיקר פון דעם יידישן כלל — איבער דעם יידנטום וואס איז צעשפרייט און צעזייעט איבער דער גרויסער וועלט. ער ווייזט ארויס א שטארקן אינטערעס, כמעט דעם הויפט אינטערעס אין זיין שרייבן, צו אלע נאציאנאלע און אלמענטשלעכע קולטורעלע ווערטן פונעם יידישן פאלק, אין כמעט אלע זיינע עסייען און פובליציסטישע ארטיקלען וועגן יידישע שרייבער, פאעטן און פראזאיקער.

איינצייטיק, דרוקט ל. דאמאנקעוויטש פריש צאפלדיקע אקטועלע ארטיקלען וועגן אונזער היינטצייטיקייט, וועגן אונזער יידיש און אלגעמיינעם לעבן. ער באַרירט אויך זייער אפט מיט אסך פיעטעט און איבערגעגעבנקייט פראבלעמען וועגן מדינת־ישראל.

ל. דאמאנקעוויטש איז א רייפער שרייבער. ער איז פעאיק ארויסצוברענגען פארשיידנארטיקע קלאנגען, וואס זענען פארבונדן מיט די בעסטע טראדיציעס פון דער יידישער פארגאנגענהייט. זיין ווארט איז פשוט, אבער קלאר און דייטלעך.

עס זענען פאראן פיל שרייבער, וועלכע עס קומט אן זייער שווער צו רעדן. ווען זיי שטעלן זיך אויף פאר אן עולם און ווילן זאגן עפעס וויכטיקעס — ווערפן זיך ביי זיי אויס די געדאנקען. אסך שיינגייסטער קענען בכלל נישט עפענען דאס מויל, ארויסצוברענגען א געוויסן געדאנק. דאמאנקעוויטש געהערט צו די אויבן אויסגערעכנטע. ווען ער נעמט אבער די פעדער אין דער האנט — דאן פילט מען, אז ער איז ביי זיך אין דער היים. ער גיסט נישט קיין „וואסער", ווי ס'רוב היינטצייטיקע פען־מענטשן, וועלכע פארפלייצן פשוט מיט גאנצע זייטן די מאגערע יידישע אויסגאבעס. דער לייענער האט פשוט נישט קיין געדולד צו אזעלכע גרויסע, איבערגעחזרטע ארבעטן און ארטיקלען.

מען פילט אין דאמאנקעוויטשעס שרייבן, און גאר ספעציעל אין די עסייען וועגן אונזערע יידישע שרייבער. אין „ווערטער און ווערטן" — אזוי אויך אין זיינע אלע אנדערע ארטיקלען און אפהאנדלונגען, דעם טיפן יידישן ציטער, ערנסטקייט און פאראנטווארטלעכקייט. ער ווייסט, אז דער היינטצייטיקער יידישער לייענער פארמאגט א ווארזאם אויג, וועלכער פארשט נאך יעדן זאץ, יעדעס ווארט, וואס היינטצייטיקער יידישער שרייבער ברענגט ארויס. און דאס איז צום שבח פון א שרייבער. ער שוינט און רעספעקטירט זיין קאנסומענט — זיין לייענער. דעריבער קאן מען זאגן, איז ער געקרוינט מיט דערפאלג. ער פארמאגט א ברייטע פעריפעריע פון איבערגעגעבענע יידישע לייענער, יידן פון פארשיידענעם אויסבילדונג. און דאס גיט אים זיכער און וועט אים נאך געבן אויף לאנגע יארן אסך מוט, קוראזש און אויסדויער אין זיין ווייטערדיקער פרוכטבארער שרייבערישער טעטיקייט.

דאס לעצטע ווערק פון ל. דאמאנקעוויטש „ווערטער און ווערטן" פארמאגן אין זיך אלע יידישע און ריין־וועלטלעך מענטשלעכע אטוטן אין דער באהאנדלטער פראבלעמאטיק. דעריבער קאן מען עס באצייכענען, ווי א וויכטיק ווערק־ א גוטער צושטייער צו דער אלגעמיינער יידישער עסייאיסטיק.

און זאל א ווארט פון א פשוטן לייענער פון דעם וויכטיקן בוך „ווערטער און ווערטן" — אים צוגעבן אסך מוט און קוראזש אין זיין ווייטערדיקער, שעפערישער שרייבערישער טעטיקייט.

און בארייכערן זאל ער אונז, דער שרייבער ל. דאמאנקעוויטש, מיט נאך אסך גוטע און ווערטפולע „ווערטן" אין דעם פאנטעאן פון דער אלגעמיינער יידישער גייסטיקייט און שאפונג, אין דער יידישער שפראך.

ש. גאלדשמידט

## שלום־עליכמ׳ס גואל

י. ד. בערקאוויטש, דער העברייאישער שרייבער און איבערזעצער פון שלום־עליכם אין העברייאיש, איז דעם חודש געווארן אכציק יאר. זיין יובל איז א גרויסער טאג פאר דער יידישער ליטעראטור, פאר דער העברייאישער ליטעראטור און פאר יידן בכלל.

1966 וועט זיין א שלום־עליכם יאר. ער איז כידוע געשטארבן אין 1916. מיר וועלן מן הסתם דערמאנען דעם פופציקסטן יארצייט פון שלום־עליכם אזוי אדער אזוי. אבער דאס האט ניט צו טאן מיט מיין היינטיקער טעמע. בערקאוויטש איז א גרויסער שרייבער און איינער פון די גרעסטער איבערזעצער פון אונזער צייט — ביי יידן און אין דער גארער וועלט — און פארדינט א יובל פאר זיך אליין. דער פאקט וואס ער איז שלום־עליכמ׳ס איידעם, דער מאן פון דער צווייטער טאכטער חיה אסתר, איז אויך ניט נויטיק אלס רעקאמענדאציע אין דעם זין. ער האט בעצם אנגעהויבן שרייבן איידער ער האט זיך באגעגנט און חתונה געהאט מיט חיה אסתר אדער ערנעסטינא ראבינאוויטש, שלום־עליכמ׳ס טאכטער.

יצחק דוד בערקאוויטש איז א נאוועליסט. און אלס אזא האט ער זיך



צוערשט באוויזן אין דער העברייאישער ליטעראטור. ער געהערט צו דער פליאדע העברייאישע שרייבער פון צווייטן דור. אזוי צו זאגן, אויב מיר נעמען אן, אז דער ערשטער דור זיינען די קלאסיקער. אויב דער ערשטער דור זיינען מאפו, קלמן שולמאן — דער מחבר פון מסתרי פריז (די געהיימ־ניסן פון פאריז — ווי איר זעט האבן זיי שוין דאן געשריבן אזוינע זאכן) און אנדערע פון זייער דור. על כל פנים, בערקאוויטש געהערט צו, דעם דור פון די שרייבער, וועלכע האבן נאכגעפאלגט מענדעלען, פרצן, פרץ סמאלענסקינען און זייערע צייטמענטשן. בערקאוויטש איז געקומען אויף דער סצענע פון דער העברייאישער ליטעראטור צוזאמען מיט ישעיהו בערשאדצקי מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, אליהו מיידאנעק, מרדכי דוד בראדשטעטער, א. א. קאבאק, אשר בארא, יוסף שאפמאן און א ריי אנדערע. זיי זיינען ניט קיין קלאסיקער; זיי זיינען גוטע דערציילער. אין דער דאזיקער גרופע זיינען שאפמאן בערקאוויטש און נאך א פאר געווען פיאנערן. זיי האבן איינגעפירט די קורצע נאוועלע, וואס גיט די כאראקטעריזאציע און דעם סיפור־המעשה אין געציילטע זייטן — די „לאנגע־קורצע געשיכטע" Long Short Stories הייסט עס אין דער ליטעראטור. זיי האבן געלערנט דעם סוד הצמצום און האבן אים פראקטיצירט.

אבער די גוואלטיקע דערגרייכונג פון יצחק דוד בערקאוויטש אלס איבערזעצער פון שלום־עליכם פארהילט זיינע מעלות און דערגרייכונגען אלס נאוועליסט, עסייאיסט און ליטעראטור־פארשער. דאס וואס וואלט געסטייעט אן אנדערן צו מאכן א פיינע ליטערארישע קאריערע איז ביי אים געווארן א מין צוגאב, א שפיל פאר פרייע שעה׳ן, וואס מען רופט אין ענגליש א „האבי"...

אברהם שלאנסקי, אליין א גרויסער איבערזעצער פון א וועלט־קלאס, דער איבערזעצער פון פושקין און שעקספיר אין העברייאיש האט מיר ניט לאנג צוריק געזאגט: „דו ווייסט, יעדעס מאל ווען מען געפינט א פאסיקע איבערזעצונג פאר א ווארט אדער א פסוק אדער א פאראגראף, און עס שטימט, עס לייגט זיך צוזאמען, עס גיט דעם געפיל אז דאס איז דאס — זהו, האט ער געזאגט אין העברייאיש — מיר האבן גערעדט העברייאיש, פארשטייט זיך — דארף מען עס באטראכטן פאר א נס מן השמים, אן איבערמענטשליכן וווּנדער. מען דארף אויף דעם מאכן א ברכה. עס איז א התגלות. מיר ווייסן ניט ווי אזוי דאס פאסירט און קענען נאר דאנקען דעם בורא הערפאר"...

דאס וואס איך האב אים געזאגט איז כדאי דא איבערצוחזר׳ן. עס איז בלי ספק א — נס. אבער ביי דיר פאסירט דער נס לכל הפחות צוויי מאל א טאג און ביי מיר איין מאל א יאר און ביי אנדערע אפילו ניט אזוי אפט. אין אנדערע ווערטער, דער נס פון געלונגענע איבערזעצונגען פאסירט נאר ביי יחידי סגולה, גרויסע קונסטלער. ביי אנדערע פאסירט ער זעלטן. בערקאוויטש געהערט צו אט די יחידי סגולה. ער איז א מלומר אין נסים. אזוי צו זאגן, זיין שלום־עליכם איבערזעצונג איז א נס אין יעדן זאץ. עס איז אנגעפיקעוועט מיט נסים.

איבערזעצן הומאר איז שווער אין אלע צייטן און אין אלע באדינגונגען. דערצו האט איר דא יידישן הומאר מיט אלע זיינע ניואנסן, קאפריזן, ווערטער

און ווערטלאך, רמזים און קנייטשן, וכלל, שלום־עליכמ׳ס הומאר. איין זאגאכץ פון טוביה דעם מילכיגן וואלט געווען א פראבלעם פאר אליאדן איבערזעצער. און יצחק דוד בערקאוויטש האט איבערזעצט גאנץ שלום־עליכם, א גיגאנטישע הערקוליאנישע ארבעט, אפגעטאן אן סימנים פון מידקייט, אזוי ווי יענער לעגענדארער ריז, וואס הויבט אויף א פעלז מיטן קליינעם פינגער . . .

איך האב דא ניט קיין פלאץ פאר ביישפילן און דערצו ווייס איך ניט צו דער העברייאישער טעקסט קען בכלל אפגעשאצט ווערן אין לאנדאן, חוץ דורך געציילטע. אבער אט איז איין קורצער מוסטער, אזוי געזאגט, נאר דער נאמען פון א ווערק. שלום־עליכם האט אנגערופן זיין אויטאביאגראפיע „פונעם יריד״, א געניאלער נאמען, וואס האט אלע זיבן חנועך און דערציילט די מעשה אין צוויי ווערטער. אבער אין העברייאיש וואלט א דירעקטע איבערזעצונג ניט געהאט קיין משמעות, כאטש „יריד״ איז א העברייאיש ווארט אין אריגינאלן, אורשפרינגליכן זין. האט בערקאוויטש איבערזעצט דעם נאמען פונעם בוך און עס אנגערופן חיי אדם. איר האט דא דעם פשוט׳ן טייטש: דאס לעבן פון א מענטשן עס איז געלונגען אלס א נאמען פאר אן אויטאביאגראפיע אלס אזא. איר האט אבער עפעס מער — און דערין שטעקט די גאונות — איר האט דא א באגריף. ווארום חיי אדם איז כידוע דער נאמען פונעם ווערק, וואס איז מדריך יידן ווי צו לעבן אלס יידן, דאס בוך פון יידישע דינים און מנהגים.

בערקאוויטש איז ניט קיין באסוועל און ניט קיין עקערמאן. ער איז שלום־עליכמ׳ס איידעם, אבער ניט זיין נושא־כלים; קיינמאל ניט געווען. שלום עליכם האט ניט געדארפט קיין אדיוטאנט צווישן יידן און בערקאוויטש איז ניט דער טיפ.

ער איז א שרייבער פון א סך א העכערער מדרגה — א גרויסער קינסטלער, וועלכער האט איבערזעצט אן אנדער גרויסן קינסטלער. בעצם וואלט געווען בארעכטיקט צו זאגן „איבערגעדיכטעט״. יעדע בערקאוויטש איבערזעצונג איז א פערל פאר זיך — שלום־עליכם פלוס אין מאדערנעם לשון.

שלום־עליכם אליין האט עס אנערקענט. אין זיין צוואה, וואס באשטייט פון צען פאראגראפן, איז פאראן איינער געווידמעט בערקאוויטשן — פאראגראף זעקס. עס איז ניט קיין פארזאג פאר אן איידעם. אלע טעכטער, דער זון, די אייניקלאך זיי זיינען אלע פארזאגט אין אנדערע פאראגראפן. דאס איז א לויב און דאנק דעם העברייאישן איבערזעצער — און שלום־עליכם איז געווען א מבין. ער האט געקענט העברייאיש איז געווען אליין א מייסטער פון דעם לשון און האט בשעתו איבערזעצט הערצל׳ס ציוניסטישע שריפטן.

אין דער צוואה ווערט געזאגט, אז דער מייסטערהאפטער איבערזעצער באקומט אלע רעכט אויף זיינע איבערזעצונגען פון שלום־עליכם. עס געהערט אים. ער האט עס פארדינט. דאס איז די גרויסע אנערקענונג פון מייסטער צו מייסטער.

אבער בערקאוויטש האט געמאכט אויך א גרויסן היסטארישן בייטראג און ניט נאר א ליטעראַרישן. ער האט אליין ניט געוווסט בשעתו וואס ער גייט



טאן, און עס איז גוט אים צו זען צווישן אונז. ער האט דערלעבט צו זען זיין צוויטן אויפטו מיט די אייגענע אויגן.

בערקאוויטש האט געגעבן שלום־עליכם צו דעם נייעם דור אין מדינת ישראל, אין בוך פארם און שפיל („שווער צו זיין א ייד״ איז אויף דער בינע צום מאמענט אין תל אביב; אנדערע פיעסן פון שלום־עליכם־מאטעריאל זיינען געווען אויך דער ישראל בינע און וועלט בלי ספק נאך קומען).

בערקאוויטש האט איינגעגילידערט שלום־עליכם אינעם אוצר פון דער ישראלדיקער ליטעראטור. ער איז היינט א טייל פונעם דאזיקן אוצר ניט ווייניקער ווי די קלאסיקער, וועלכע האבן אליין געשריבן העברייאיש — פרץ און מענדעלע. דאס איז דער אויפטו און פארדינסט פון יצחק דוד בערקאוויטש. עס איז א היסטארישער אויפטו נאכן חורבן פון יידיש אין אייראפע און אין דער העברייאיזאציע פון אונזער קולטור אין מדינת ישראל.

ווער קען היינט פארויסזאגן דעם גורל פון יידיש? אבער וואס ער זאל ניט זיין — שלום עליכם וועט אונז ניט גיין לאיבוד פאר דעם קומט א דאנק יצחק דוד בערקאוויטשן.

קאמיל ו. האניג

## מארק שאגאל — דער מאלער אויף יידיש . . .

1

לעצטנס זענען דערשינען א רייע ביכער אילוסטרירטע און לוקסוסדיקע, אין ענגליש, פראנצויזיש, דייטש און שפאניש איבער מארק שאגאל, דעם גרעסטן און בארימסטן מייסטער פון דער יידישער קונסט — מארק שאגאל.

אויך אין אינטערנאציאנאלע זשורנאלן ווי דער אמעריקאנער „לייף״ מאגאזין און „טיים״ וואס ווערן געלייענט אין אלע ציוויליזירטע לענדער — א חוץ די „אייזענע פארהאנג״ לענדער. און נישט לאנג צוריק איז דער אינטערנאציאנאלער „טיים״ ארויס מיט א ספעציעלן קונסט־נומער געווידמעט מארק שאגאלן. „טיים״ וואס ווערט ארויסגעגעבן פון דער זעלבער פארלאגס־ארגאניזאציע ווי „לייף״ און אנדערע אזעלכע זשורנאלן (וואס זיי גיבן אויס פאר זייערע מיטארבעטער און רעדאקטארן — אויף אלע יידישע צייטונגען, און זשורנאלן, ארייגערעכנט אונזער פריינט שטענצלס „לשון און לעבן״ געזאגט געווארן! און טאקיש, וואס זיי פארדינען פון די אנאנסען אליין — אויף אלע יידן געזאגט געווארן. עפעס אין קלייניקייט העברי לוס אימפעריע פון „טיים״־„לייף״.

און אויב כ׳וועל אייך זאגן, אז זיי פארדינען א צען־צוואנציק מיליאן דאלאר א יאר, זאלט איר וויסן זיין, אז איך בין נישט מגזם. די רייכסטע אימפעריע פון די אינטערנאציאנאלע זשורנאלן וואס ווערן געלייענט איבער די ימים (ווו אין אינדיע למשל, ווו אכציק פראצענט קאנען נעבעך נישט לייענען) פון איבער פינף הונדערט מיליאן מענטשן (מינימום) און אייראפע, אפריקא צפון און דרום — אמעריקע, אויסטראליע און אין מיטלען מזרח, ארייגערעכנט אונזער מדינת ישראל א. אז. וו. פארנעמט זיך נישט מיט מאכן רעקלאמע פאר גרויסע קינסטלער און גיבן דעם שער־בלאט אויף א פארטרעט פון א יידישן מאלער

ווי מארק שאגאל — און דאס איז נישט עפעס א געשעעניש וואס קאן נישט אינטערעסירן דעם קולטורעלן יידישן לייענער.

וואס האט דא פאסירט ?

נאכאמאל, קונסט, אפילו די העכסטע קונסט, וואס ווערט קיינמאל נישט פארשטאנען פון דעם גראבן מענטשן, פון דעם גאסן־מענטש איז קיינמאל נישט קיין סחורה וואס פארקויפט זיך לייכט און וואלוול, אפילו אין א וועלט פון „סופער־סעילסמענשיפ" — ווי אין אונזער אמעריקאניזירטער וועלט.

אלע וואס דען ?

איז אט הערט זיך צו : מיט א פאר חדשים צוריק איז „לייף" ארויסגעקומען מיט פארביקע בילדער פון מארק שאגאל האט געמאכט פאר דער פאריזער אפערע.

דאס איז געווען א באשטעלונג וואס דער וועלט־באקאנטער פראנצויזישער שריפטשטעלער און קונסט־קענער און אמאליקער רעוואלוציאנער און העלפער פון די אנטי־פאשיסטישע קעמפער אין שפאניע, פאר וועמען ער האט אין 1936 ארגאניזירט די אינטערנאציאנאל לופט־וואפן פון דער שפאנישער רעפובליק און אליין טאקי געפלויגן אין אן אייראפלאן און בכבודו ובעצמו באמבארדירט די דייטשער און איטאליענישע פאשיסטישע פאזיציעס אין שפאניע — (און וועמען דער שרייבער פון די שורות האט געקענט אין שפאניע אין יענע יארן) אט דער דאזיקער שרייבער אנדרע מאלרא, וועלכער איז היינט דער קולטור־מיניסטער פון פראנקרייך און פרעזידענט דע גאאל׳ס רעכטע־האנט מענטש (ווי מען זאגט אויף ענגליש), „רייט־הענד מען" און זיין פירשפרעכער — און לצים זאגן טאקיש, אז מאלראא שרייבט אויף יעדע וויכטיקע פאליטישע רעדע פון פרעזידענט דע גאאל, אט דער זעלבער מאלראא האט קיין אנדערען פראנצויזישן קונסטלער, נישט אפילו פיקאסאן געגעבן דעם גרויסן כבוד צו מאלן די פרעסקאס פון דער סטעלע פון דער פראנצויזישע אפערע. געווענטליך זענען אזעלכע פרעסקאס אין קירכן, פאלאצן און אפעראס געמאלן געווארן פון אזעלכע מאלערלעך ווי מיקעל אנדזשעלא בוענאראטי — אויף יידיש וואלט זיין נאמען געדארפט ריכטיקער זיין מיכאל המלאך בוענאראטי — און ראפאעל — אויף יידישע רפאל המלאך — און א מלאך איז ער שוין טאקע איינמאל געווען !

און נאך אזעלכע מענטשלעך — אבער היינט האט דער קליגסטער צווישן אלע מיניסטארן פון קולטור — דער פראנצויז אנדע מאלראא (זיין פרוי איז א יידישע און שטאמט פון רוסלאנד) אויסגעוויילט מארק שאגאלן !

און דאס איז נישט דערפאר ווייל שאגאל איז מיט עטלעכע יארן צוריק איינגעלאפן געווארן צו מאלען א קאטוילישע קירכע אין דרום־פראנקרייך צוזאמען מיט זיין פריינט און קאלעגע, דעם גרויסן נישט־לאנג פארשטארבענעם קינסטלער אנרי מאטיס, אן אינטימער חבר פון שאגאלן, וועלכער פלעגט זאגן, אז שאגאל, דער ייד — איז דער אמתער פאטער פון דער סיר־רעאליסטישער קונסט — און אויך נישט דערפאר ווייל שאגאל האט געשאפן אזעלכע פיינע מאלעריין אויף גלאז, די וויטראזישן אויף עטלעכע פענסטער פון עטלעכע



געביידעס אין ארץ ישראל, וואס זענען אזוי באגייסטערס אויפגענומען געווארן נישט בלויז אין מדינת ישראל נאר אומעטום ווי גרויסע קונסט האט א חשיבות אין דער וועלט ביי יידן און גוים. (פאר די לייענער וואס האבן ליב קוריאזיטעטן פון דער קונסט־און קולטור־געשיכטע פון אונזער צייט, וואלט איך דא געוואלט מאכן א קליינע באמערקונג פון וואס דער צוקונפטיקער היסטאריקער וועט לעקן די פינגער ממש : שאגאל וווינט היינט אין דרום־פראנקרייך און אלט שיין שטעטל, וואס הייסט וואנס (אין די אלף מאריטים) און די גאס אויף וועלכער ער וווינט הייסט נישט מער און נישט ווייניקער וו איוועני ארי מאטיס פארן אייביקן כבוד פון זיין בארימטן פראנצויזישן חבר און פריינט — און דעם נאמען זאגט מען האט שאגאל אליין פארגעשלאגן דעם פראנצויזישן קולטור־מיניסטעריום, און אנדרע מאלראא האט פאנאש און אימאגינאציע אונגענומען און אויסגעפירט דעם פארשלאג און שאגאל וווינט טאקיש אויף דער שיינער אוועני און אם ירצה השם, שפעטער אים צו לענגערע יארן, וועלן אנדער קינסטלער וווינען אויף דער אוועני מארק שאגאל.

דערווייל לאמיר דאנקן דעם רבונו של עולם, אז אונזער מארק שאגאל לעבט און שאפט זיינע מאלערייען אין הויכן עלטער 78 יאר און איז פריש און געזונט און פול מיט לעבענס־פרייד און שעפערישן כוח — ביז הונדערט און צוואנציק יאר !

2

לאמיר איצטער געבן א קוק אויף זיין קונסט — פארוואס מאכט די וועלט אזא טרעוואגע מיט שאגאלן. עס לעבן היינט א רייע קינסטלער יידישע און פון דעסטוועגן איז קיינער נישט אזא צימעס ווי שאגאל, אזוי אז אזעלכע זשורנאלן ווי, „טיים" און „לייף" ווידמען אים 7 (זיבן) גאנצע זייטן, דאס אליין, ווי געזאגט איז גענוג געווען צו מאכן די אויגן פון מיליאנען לייענער גרויס ווי שאגאל׳ס לבנות אדער ווי די הינער און הענער וואס קוקן אין שאגאלס בילדער ווי אין בני אדם . . . ווי דאס יידישע פאלק־ווארט זאגט זיך.

ס׳טייטש ? וועט דער אינטעליגענטער לייענער פרעגן : „מיליאנען ?" — יא, ליבער לייענער טאקי מיליאנען, מיר חזרן איבער מיליאנען ווארים די זשורנאלן ווערן נישט געדרוקט בלויז אין אמעריקע, נאר אין דעם זעלבן טאג דערשיינען זיי אויך אין דרום־אמעריקע, אויסטראליע, אינדיע, אפריקע, און מיטלען מזרח א.אז.וו. און פארשטייט זיך אין אייראפע אוודאי. אזוי אז איר האט א קימאלן פון עטלעכע הונדערט מיליאן לייענער וועט איר דאך אודאי פרעגן א גערעכטע קשיא : ס׳טייטש קענען דען אלע לייענען אין אפריקע און אין אזוי ווען מיר ווייסן דאך, אז זיבציק, אכציק, ניינציק פראצענט פון אט די אלע פעלקער קענען געלויבט צו גאט נישט לייענען (בעסער נישט צו קענען לייענען לגמרי ווי לייענען דאס פאסקוסטווע וואס וועט ביי אונז געדרוקט . . .) און קונען נישט צומאל זייער א׳ ב׳. (און דא ביי אונז אין לאנדאן אדער ניו יארק, מיינט איר, קאנען מענטשן לייענען ? ווען זיי קאנען שוין אפילו לייענען א בלאט־צייטונג ספעציעל די שרייערישע, געלע ברוינע און רויטע ווולגארע פרעסע ? מאכט איר, רב ייד, א גאר גרויסן טעות . . .).

איז דער תירץ: ניין, זיי קענען טאקיש נישט לייענען, אבער די וואס זעגען נישט בלינד גייסטיק, אדער פראסט פשוט פיזיאלאגיש קאנען זעען מיט זייערע אויגן. בילדער, ספעציעל קאלירפולע בילדער — דעריבער האט דער „טיים" געדרוקט נישט בלוז שאגאלס פארטרעט אויף זיין שער־בלאט נאר אים געגעבן 15 רעפראדוקציעס פון בילדער און פארבן.

יא, אין וואס באשטייט טאקי די אריגינאליטעט און די גרויסקייט פון שא־גאלן? פאר אונז יידישע יידן — האט ער א גאנץ באזונדערע באדייטונג פאר אונז איז ער דער איינציגער מאלער אויף יידיש.

ווייל אן יידיש קען מען נישט פארשטיין שאגאל, אויף יידיש האט ער א זין — און די וואס קענען נעבעך נישט קיין יידיש — אדער זיי זענען „צו אינטעליגענט" (אין ניו יארק האט מיך אמאל א עלעגאנטע דאמע געפרעגט מיט גרויס פארוואנדערונג צו איך קען יידיש — האב איך איר געלאסן געענט־פערט: העט אויס מומעשי — איך בין א גאנץ אינטעלעגענטער מענטש און האב אביסל בילדונג אויכעט — אבער אזוי אינטעליגענט און געבילדעוועט אז כ'זאל א זשיך נישט קענען קיין יידיש, — בין איך לײדער נישט!

דאס זעלבע איז מיט שאגאלן — ער איז טאקיש אזוי גרויס ווייל ער איז נישט בלויז א יידישער מאלער נאר א קינסטלער אויף יידיש — אזוי יידיש ווי פרץ, ווי שלום עליכם, ווי מענדעלע ווי בערגעלסמן, ווי שלום אש, ווי . . . די נייע אמעריקאנער אנגלישע־יידישע שרייבער, לאמיר זאגן שאול בעלא און מעלאמוד, כאטש זיי שרייבן ענגליש זיין זיי יידישע שרייבער — ווארים ווען איר קוקט אויף שאגאלס א בילד און זעט א יידן אויף דעכער מיט א זאק אויף די פלייצעס, איז דאס א יידיש פאלקס־ווארט „ער גייט איבער די הייזער" — ווען איר זעט א פארטרעט שאגאלס פון א מענטש שמיט דעם קאפ אויף דער אנדערער זייט: איז דאס ווידער א ייד וואס „גייט ארויס מיט א פארדרייטן קאפ — אין אן אנדער בילד ליגט א פאעט אן א קאפ — איז דאס, א מענטש, וועל־כער האט דעם קאפ פארלוירן (אבער נישט דאס הארץ . . .) און אזוי קאנט איר הונדעטער בילדער פון שאגאל „לייענען" נישט בלויז זעען אויף יידיש — און ווייסן מיר דאך, אז שאגאל האט זיין גרויסע קונסט אנגעהויבן מיט אי־לוסטרירן די פאלקס־און חסידישע דערציילונגען פון פרץ און געלייענט שלום עליכם און מענדעלע. שאגאל שרייבט און רעדט א פאלקסטימלעכען יידיש אלע די וואס קאנען שאגאלן איבער א האלבן יארהונדערט ווייסן דאס און די וואס מאכן היינט אזא טרעוואגע ווייל ער איז א וועלט בארימטער מאלער און קאנען נישט קיין יידיש מעגן זיי אפילו זיין בארימטע קונסט־קריטיקער — פארשטייען זיי נישט דעם תוך פון מארק שאגאל.

מען דערציילט, אז פאבלא פיקאסא, וועלכער איז דער בארימסטער פון אלע קינסטלער וועלכע האבן ווען ביים לעבן דערלעבט צו אזא מין בארימ־קייט — האט אנגעהויבן מקנא זיין שאגאלן לעצטנס און אים געזאגט — דו ווערסט איצטער אזוי בארימט ווייל דו ביסט א ייד . . . איך בין אויך א ייד . . .

האט אים שאגאל געענטפערט — דאס, מיין ליבער פיקאסא מעג זיין אמת, אז דו ביסט א ייד — אבער איינס בין איך זיכער: קיין ליובאוויטשער חסיד ביסטו זיכער נישט . . .